בעזהשי"ת

# והגדת לבנך

הלכות, מנהגים, תורות, פיוטים סיפורי צדיקים, ועוד.

## לחג הפסח

**כתה ד'**

**המלמד:** הר"ר **ישראל יאקאב** הי"ו

# ענינים והלכות

## חודש ניסן:

חודש ניסן ווערט אנגערופן "חודש האביב". "אביב" איז צוזאמען געשטעלט פון צוויי ווערטער "אב י"ב". דאס מיינט דער פאטער און הויפט פון די צוועלף חדשים.

וועגן חודש ניסן זאגט די תורה, "החדש הזה לכם", לכם איז די זעלבע אותיות ווי מלך, מרמז צו זיין אז חודש ניסן איז דער קעניג פון אלע חדשים.

דער חודש ווערט אנגערופן "החודש אשר ישועות בו מקיפות" דאס מיינט אז דער חודש איז ארומגענומען מיט ישועות.

ראש חודש ניסן האט מען אויפגעשטעלט דעם משכן, און עס האט זיך אנגעהויבן די חנוכת הנשיאים. די גמרא זאגט אין מסכת מגילה, אז יום שמיני למלואים איז געווען אזא גרויסע שמחה ביים אייבערשטן אזוי ווי דער טאג וואס ער האט באשאפן דעם הימל און די ערד.

גאנץ חודש ניסן זאגט מען נישט קיין תחנון און נישט קיין צדקתך שבת ביי מנחה, וויבאלד רוב חודש זאגט מען נישט קיין תחנון, ווייל די ערשטע 12 טעג איז געווען די "הקרבת הנשיאים" זאגט מען נישט קיין תחנון, און ערב פסח און אויך גאנץ פסח זאגט מען נישט קיין תחנון, וועגן דעם זאגט מען שוין אויך נישט דעם גאנצן חודש.

דער הייליגער אבני נזר זי"ע שרייבט אין א בריוו אז די טעג פון חודש ניסן איז יעדע שעה ווערט גערעכנט אזוי ווי א גאנצע טאג אינמיטן יאר.

דער הייליגער של"ה שרייבט אז דער גאנצער חודש איז הייליג פונקט ווי ראש חודש.

די הלכה איז אז מען טאהר עסן קיין מצות ערב פסח, אבער מיר פירן זיך אז מען עסט שוין נישט קיין מצות פון ר״ח ניסן. אסאך מענטשן עסן שוין נישט קיין מצות פון פורים.

אין די טעג פון ניסן הויבן אהן צו שפראצן די פרוכטביימער, דער סדר פון א פרוכט בוים איז, אז קודם קומט ארויס א בלום, און נאכדעם פאלט דאס אראפ און עס קומט ארויס די פרוכט. ווען מען זעהט אין חודש ניסן ווי עס קומט שוין ארויס די בלומעל מאכט מען די ברכה:

**בָּרוּךְ אַתָּה ה׳ אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, שֶׁלֹּא חִסַּר בְּעוֹלָמוֹ כְּלוּם וּבָרָא בוֹ בְּרִיּוֹת טוֹבוֹת וְאִילָנוֹת טוֹבוֹת לֵיהָנוֹת בָּהֶם בְּנֵי אָדָם:**

ווען עס קומט ארויס א בלעטל, קען מען נאכנישט מאכן דעם ברכה, מען דארףווארטן ביז עס קומט ארויס דעם ״בלום״. אויך איז וויכטיג צו באמערקן, אז עס מאכט זיך אסאך יאהר וואס עס קומט ארויס די בלומען ערשט אין אייר, דארף מען אכטונג געבן, אז אין אזא יאר זאל מען ווארטן ביז אייר, און נישט מאכן אין ניסן ווען עס איז נאכנישט דא קיין בלומען.

ווען די בלומען זענען שוין אראפגעפאלן און די פירות הויבן שוין אהן צו וואקסן מאכט מען שוין נישט די ברכה.

# שבת הגדול:

דער שבת פאר פסח ווערט אנגערופן ״שבת הגדול״.

**פארוואס רופט מען דאס שבת הגדול?**

דער טור ברענגט אז דער ענין פון שבת הגדול איז ווייל אין דעם טאג האבן אידישע קינדער געקויפט דעם קרבן פסח אין מצרים, ווייל יענעם יאר איז פסח געווען דאנערשטאג איז דער צענטער טאג געווען שבת, די אידן האבן גענומען די לעמעלע און זיי האבן דאס צוגעבינדן צו די פיס פון בעט, און די מצריים זענען געקומען פרעגן וואס טוען ענק מיט די לעמעלע, האבן זיי געענטפערט אז זיי ווילן דאס שחט׳ן פאר קרבן פסח, און די מצרים זענען געווארן זייער אויפגערעגט, און זיי האבן גארנישט געקענט טון פאר די אידן.

נאך א טעם איז ווייל תוספות זאגט אין מס' שבת (דף פ"ז) וואס עס איז דער נס פון י' ניסן, ווי דער מדרש זאגט אז די גוים האבן זיך צוזאמענגענומען און געפרעגט די אידן פארוואס זיי נעמען די לעמעלע, און ווען די אידן האבן דערציילט אז עס גייט זיין מכת בכורות האבן זיי זיך אנגעהויבן צו שלאגן צווישן זיך, און זיי האבן זיך דער'הרג'עט איינער דעם צווייטן, ווי עס שטייט אין תהלים "למכה מצרים בבכוריהם" אז די מצריים האבן זיך דערשלאגן מיט זייערע אייגענע בכורים.

דער מהרי"ד מבעלזא זי"ע פלעגט באפעלן אויס צו רופן שבת הגדול אין בית המדרש, אז יעדער איינער זאל זעהן גוט אדורך צו לערנען אלע הלכות פון דעם "ליל הסדר". כדי מ'זאל זיך נישט זעצן צום סדר ווי אן עם הארץ.

עס איז א מנהג אז דער רב זאגט א דרשה שבת הגדול, ווייל אזוי ווי פסח איז דאך דא אזוי פיל הלכות, כדי אז מען זאל גוט קענען די הלכות פון פסח און וויסן פונקטלעך וואס צו טוהן, זאגט דער רב א דרשה און איז מעורר אויף אלע הלכות וועגן עניני החג.

אויב שבת הגדול געפאלט ערב פסח, זאגט מען די דרשה א וואך פריער, כדי אז מען זאל נאך האבן גענוג צייט אלעס מסדר צו זיין.

עס איז דא וואס פירן זיך צו זאגן שבת הגדול נאכמיטאג, פון "עבדים היינו" ביז "לכפר על כל עוונותינו", ווייל אזוי ווי מיר האבן פריער גערעדט, איז שבת הגדול געווען דער אנהייב פון די ניסים. וועגן דעם הייבן מיר שוין אן צו דערציילן די אלע גרויסע נסים שבת הגדול.

מצואי שבת ביי מעריב נאך שמונה עשרה זאגט מען נישט "ויהי נועם" ווייל עס גייט אויספאלן פסח אינמיטן וואך.

## מצות באקן:

אין שולחן ערוך ווערט געברענגט אז דער רא"ש (רבינו אשר) האט זיך אליין באמיעט און צוגעהאלפן צו באקן די מצות, און אזוי איז ריכטיג אז יעדער מענטש זאל טוהן.

עס זענען דא וואס זענען מחמיר און זיי גייען אליין אפשניידן די ווייץ. אויך זענען דא וואס זענען מחמיר אליין צו מאלן די ווייץ מיט א "רחיים של יד".

די וואסער וואס מען ניצט פאר די מצות דארף זיין "מים שלנו" דאס מיינט וואסער וואס האט איבערגענעכטיגט. מען דארף דאס שעפן פארנאכט, כדי אז די וואסער זאל ווערן איבער נאכט קאלט.

גלייך ווען די זון גייט אונטער הויבט זיך אהן דער זמן פון שעפן "מים שלנו", און מען מעג שעפן ביז עס ווערט נאכט.

דער ליקוטי מהרי"ח שרייבט אז ער האט געזעהן ווי דער צאנז'ער רב זי"ע איז אליין געגאנגען שעפן מים שלנו אין די לעצטע יאהר פאר זיין פטירה כאטש ער איז שוין געווען זייער שוואך.

מען פירט זיך צו וועלגערן רונדיגע מצות, ווייל עס שטייט אין פסוק "עוגות מצות" און "עוגה" קען אויך מיינען, רינדיג.

ביי יעדער מלאכה פון באקן מצות, למשל שעפן די מים שלנו, גיסן די וואסער, קנעטן, וועלגערן, רעדלען, און פירן די מצות פון איין פלאץ צום צווייטן, זאל מען ארויסזאגן מיט'ן מויל אז מען טוט דאס "לשם מצות מצוה". עס איז זייער וויכטיג אז מען זאל פארשטיין וואס מען זאגט. עס איז דא א גוטע עצה אז פארן באקן די מצות זאל מען ארויסזאגן מיט'ן מויל: אלעס וואס איך גיי טוהן, היט איך אפ פון חמץ "לשם מצות מצוה" דאס מיינט פאר די ערשטע כזית מצה פסח ביינאכט, וואס דאס איז דער חיוב מן התורה, ווי עס שטייט אין פסוק "בערב תאכלו מצות".

# איסור חמץ:

יעדער רגע אין פסח וואס עס טרעפט זיך חמץ ביי א איד אין רשות איז ער עובר דעם איסור וואס אין דעם איז דא 2 לאווין, און 1 עשה, (איין לאו "לא יראה לך חמץ וגו'" דער צווייטער לאו איז "שבעת ימים שאור לא ימצא בבתיכם וגו'" און דער עשה איז "אך ביום הראשון תשביתו שאור מבתיכם").

דער סוף זמן אכילת חמץ מן התורה איז אויך פון חצות, און מדרבנן איז דער איסור שוין צוויי שעה פריער.

דער רדב"ז שרייבט אז דער טעם פארוואס חמץ איז אסור אפילו "במשהו" איז, וויבאלד חמץ איז מרמז אויף'ן יצר הרע, וואס דאס איז דאך דער ריכטיגער "שאור שבעיסה", וועגן דעם דארף מען דאס זייער גוט אויפזיכן, אין איהם פארטרייבן ווי עס דארף צו זיין, און נישט איבערלאזן אפילו קיין "משהו".

אויך פירט מען זיך פסח זייער אסאך חומרות מער ווי א גאנץ יאהר, און אזוי דארף מען זיך טאקע פירן און "חס ושלום" נישט פארענדערן פון די חומרות וואס די עלטערן האבן מחמיר געווען.

## מנהגי ישראל:

מיר פירן זיך נישט צו נוצן אין פסח קיין "קטניות" דאס הייסט בונדלעך, רייז, וכדו'. דער טעם דערפון איז, וויבאלד מען קען מאכן מעהל פון קטניות, כדי אז מען זאל זיי נישט פארטוישן מיט אמת'דיגע מעהל, ניצט מען נישט קיין קטניות פסח, אבער צו האלטן אין שטוב איז נישט דא קיין איסור.

מען פירט זיך אז די מצות זאלן נישט נאס ווערן, וועגן דעם לאזט מען נישט די מצות ליגן אויפ'ן טיש, נאר מען לייגט דאס אריין אין א "מצה טאש" כדי אז עס זאל נישט נאס ווערן.

עס איז דא א מנהג ישראל אז פסח מישט מען זיך נישט, אפילו מיט מענטשן וואס א גאנץ יאהר עסט מען יא ביי זיי אין שטוב, וועגן דעם נוצט מען נאר אזעלכע זאכן וואס איז געמאכט ביי זיך אין שטוב.

אסאך אידן פירן זיך אז פסח ניצט מען נאר אזעלכע וואסער וואס מען האט געשעפט פון פאר פסח, אנדערע לייגן נאר ארויף א "זייער" אויפ'ן קראן און זיי נוצן יא פרישער וואסער.

מען פירט זיך אז פסח עסט מען נאר אזעלכע פירות און ירקות וואס מען קען אפשיילן.

עס איז א מנהג ישראל צו טרינקען "בארשט" פסח, דאס איז ווייל די צדוקים פלעגן זאגן אז "כל מחמצת לא תאכלו" מיינט יעדער זויערע זאך טאהר מען נישט עסן אין פסח, וועגן דעם כדי "להוציא מליבם" פירן מיר זיך דוקא יא צו טרינקען א זויערע געטראנק.

## פארקויפן חמץ

מען פירט זיך צו פארקויפן די חמץ פאר א גוי.

אויך איז וויכטיג אז מען זאל מאכן א סימן אויף די אלע ערטער וואס מען פארקויפט, כדי אז מען זאל געדענקען זיך נישט צו באנוצן מיט זיי אין פסח.

ערב פסח נאך חצות אויב מען טרעפט חמץ דארף מען עס פארברענען, און עס העלפט נישט צו מבטל זיין.

אויב מען טרעפט חמץ אין פסח, דארף מען דאס צודעקן מיט א כלי און מען טאר דאס נישט מטלטל זיין ווייל חמץ אין פסח איז מוקצה, און חול המועד דארף מען דאס פארברענען.

## הגעלת כלים:

כלים וואס מען נוצט א גאנץ יאהר און מען וויל זיי נוצן פסח, דארף מען כשר'ן.

פאר מען כשר'ט דארף מען גוט אפוואשן די זאך וואס מען גייט כשר'ן כדי אז עס זאל זיין גוט ריין.

ווען מען כשר׳ט דארף מען זיכער מאכן אז די וואסער זאל זיין גאר שטארק הייס.

גלייך נאכן כשר׳ן גיסט מען שנעל אהן די זאך וואס מען האט גע׳כשר׳ט מיט קאלטע וואסער, כדי אז די הייס וואסער פון כשרן זאל אוועקגיין, און נישט ווערן צוריק איינגעזאפט.

# הלכות פון בדיקת חמץ:

דער זמן פון בדיקת חמץ איז, דעם פערצענטן טאג פון חודש ניסן, אנפאנג נאכט.

א האלבע שעה פאר׳ן זמן פון בדיקת חמץ, טאר מען נישט אנהייבן צו עסן א סעודה אדער אנהויבן אן ארבעט.

דער וואס וויל לערנען, מוז בעטן פון זיין חבר אז ער זאל איהם דערמאנען ווען עס קומט אהן די צייט פון בדיקת חמץ.

מען דאווענט מעריב גלייך ווען עס ווערט נאכט, און מען יאגט זיך בודק חמץ צו זיין.

פאר׳ן בדיקה, איז א מנהג אז מען לייגט אוועק 10 שטיקלעך ברויט, ווייניגער ווי א כזית.

עס איז גוט צו נוצן אזעלכע שטיקלעך ברויט וואס ברעקלען זיך נישט, אויך זאל מען זיי לייגן אין ערטער ווי קליינע קינדער קענען נישט דארט צוקומען.

פאר׳ן בדיקה לייגט מען אוועק אין א זייט די חמץ וואס מען וויל עסן ערב פסח אינדערפרי.

די בדיקה דארף זיין דורך די לעכטיגקייט פון א שעוה לעכט. מ׳זאל נישט נוצן גרויסע לעכט וואס דער פלאם ווארפט זיך אזוי ווי א הבדלה לעכט.

ווייל דעמאלס וועט מען מורא האבן צו פיהרן די לעכט ביי די לעבער און שפאלטענס. אויך איז א מנהג מיטצונעמען א פעדער.

איידער מען גייט בודק חמץ זיין, וואשט מען זיך די הענט. מען צינדט אהן דאס לעכטל, און מען זאגט די ברכה: "אשר קדשנו במצותיו וצונו על ביעור חמץ". און מען הויבט אן בודק חמץ צו זיין.

די ברכה פון "על ביעור חמץ" גייט ארויף אויף 4 זאכן: 1) בדיקה פון ביינאכט, 2) ביטול חמץ פון נאך די בדיקה, 3) שריפת חמץ פון ערב פסח, 4) ביטול חמץ פון ערב פסח.

אויב מען איז בודק חמץ אויף צוויי אנדערע פלעצער, (למשל צוויי אנדערע שטובער) זאל מען אינזין האבן ביי די ברכה אז מען גייט בודק זייןביידע פלעצער.

פון די ברכה ביז נאך די בדיקה טאר מען נישט רעדן פון קיין פרעמדע זאכן, מען מעג נאר רעדן פון זאכן וואס האבן צו טוהן מיט די בדיקה.

מען איז בודק חמץ אין אלע פלעצער וואס מען האט דארט אריין געברענגט חמץ אינמיטן יאר.

אין די קנייטשן פון די קליידער ווי למשל די ענדע פון די הויזן, און אין די טאשן וואס מען לייגט דארט אריין חמץ א גאנץ יאהר דארף מען גוט בודק זיין. אויך זאל מען זיי גוט אויסקלאפן, ווייל עס איז זייער מעגליך אז עס זאל דארט אריינפאלן קליינע ברעקלעך חמץ.

פלעצער וואס מען גייט פארקויפן צו א גוי דארף מען נישט בודק חמץ זיין.

פלעצער ווי מען גייט בכלל נישט אריין א גאנץ יאהר מיט קיין חמץ דארף מען נישט בודק חמץ זיין, אבער אין א שטוב וואס עס איז דא קליינע קינדער איז כמעט אלע פלעצער א "מקום שמכניסים בו חמץ" ווייל די קינדער טראגן איבעראל חמץ אפילו אין פלעצער וואס די עלטערן ווייסן נישט.

נאך בדיקת חמץ דארף מען גוט איינפַּאקן דעם חמץ אין א זעקל און דאס באהאלטן, כדי אז קינדער אדער מייז זאלן דאס נישט אוועק שלעפן.

גלייך נאכן ענדיגן בודק חמץ זיין, זאגט מען "כל חמירא", כדי מבטל צו זיין דעם חמץ וואס מען האט נישט געפונען ביי די בדיקה.

מען דארף אינזין האבן און פארשטיין די ווערטער ווען מען זאגט "כל חמירא", מען קען דאס אויך זאגן אין וועלכע שפראך מען וויל. למשל "אלע חמץ און זויערטייג וואס איז דא אין מיין רשות, וואס איך האב נישט געזעהן און וואס איך האב נישט אויסגערוימט און וואס איך ווייס נישט פון דעם, זאל זיין בטל און הפקר אזוי ווי די שטויב פון די ערד".

די חמץ וואס מען עסט ביינאכט, זאל מען אכטונג געבן צו עסן אין א עקסטערע ווינקל, כדי עס זאל זיך נישט פארשפרייטן קיין חמץ. דערנאך זאל מען אפשאקלען די קליידער פון אלע ברעקלעך חמץ.

## ערב פסח:

עס איז דא א מנהג צו עסן חמץ ערב פסח, וועגן דעם דאווענט מען שחרית פרי כדי מ'זאל קענען עסן חמץ נאך פאר דעם סוף זמן אכילת חמץ.

ביי שחרית זאגט מען נישט קיין "מזמור לתודה" נאך "ברוך שאמר", ווייל ערב פסח האט מען נישט געברענגט קיין קרבן תודה אין בית המקדש, וועגן די חמץ'דיגע חלות וואס מ'האט געדארפט מיט ברענגען מיט'ן קרבן. אויך זאגט מען נישט קיין "למנצח יענך ה' ביום צרה".

די בכורים פאסטן ערב פסח אלץ זֵכֶר פון דעם נס אין מצרים וואס דער אייבערשטער האט געראטעוועט די יודישע בכורים. פאר א יונגל א בכור, דארף דער טאטע פאסטן פאר איהם ביז ער ווערט בר מצוה.

די בכורים וואס זענען מחויב צו פאסטן ערב פסח פירן זיך צו מאכן א סיום אויף א מסכת, און דעמאלס מעגן זיי עסן לכבוד די שמחה פון מסיים

זיין א מסכת, אויך אלע בכורים וואס זענען געווען ביי דעם סיום, אפילו זיי האבן נישט מיטגעלערנט, מעגן אויך עסן.

נאכן עסן די חמץ ערב פסח דארף מען אכטונג געבן אז עס זאל נישט איבערבלייבן קיין ברעקלעך. נאכן עסן זאל מען זיך זייער גוט אפוואשן, אויסרייניגן די מויל מיט ציין פיץ.

## שריפת חמץ:

מען פאברענט נאר די 10 שטיקלאך ברויט, און די חמץ וואס מען האט געטראפן ביי בדיקת חמץ.

אויך איז וויכטיג צו אויפמערקזאם זיין אז א פייער זאל ווערן געמאכט דווקא מיט האלץ און נישט מיט קיין נעפט קודם ווייל דאס איז א "גרויסע סכנה". אויך ווייל אויב די חמץ ווערט נאס פון די נעפט איז דאס מען שוין נישט מחויב צו פארברענען.

בשעת מען פארברענט דעם חמץ, דארף מען אינזין האבן אז מען איז יוצא די מצוה פון די תורה פון אויסרוימען די חמץ אין דעם פערצענטן טאג פון חודש ניסן.

נאכן פארברענען דעם חמץ, זאגט מען "כל חמירא", מבטל צו זיין, סיי דעם חמץ וואס ער האט יא געזעהן, און סיי דעם חמץ וואס ער האט נישט געזעהן.

מען דארף זיין געווארנט מבטל צו זיין דעם חמץ פארן סוף זמן שריפת חמץ, ווייל שפעטער העלפט שוין נישט צו מבטל זיין.

דער מנהג איז, צו פארברענען מיטן חמץ, די אלע זאכן וואס מיט זיי האט מען בודק חמץ געווען.

עס זענען דא וואס פירן זיך צו נוצן דעם לולב און די הושענות פון סוכות צוצוהעלפן צום פייער, ווייל "כיון דאיתעבד בו חדא מצוה, ליעבד בה מצוה

אחריתא" (דאס מיינט אז וויבאלד מען האט שוין מיט דעם געטוהן איין מצוה, זאל מען שוין מיט דעם טוהן נאך א מצוה) טייל נוצן דאס פארן פייער פון מצות באקן.

## מצות מצוה:

וויבאלד עס שטייט אין פסוק "וזבחת פסח לה' וגו' שבעת ימים תאכל עליו מצות" לערנט מען ארויס אז מען זאל באקן די מצות אין די צייט פון הקרבת קרבן פסח, וועגן דעם באקט מען די "מצות מצוה" נאך חצות.

דער אר"י הקדוש זי"ע האט געזאגט: אז שוויצן ביים טוהן א מצוה, און בעיקר ביים "באקן מצות ערב פסח", קען מען מתקן זיין אסאך עבירות.

## הלל ביים באקן:

ביים באקן, איז א מנהג צו זאגן גאנץ הלל אהן א ברכה. א זֵכֶר צום הלל וואס מען פלעגט זאגן אין בית המקדש, ווען מ'האט מקריב געווען דעם קרבן פסח.

נאכן מצות באקן דארף מען אכטונג געבן אז די שיך און די קליידער זאלן זיין ריין פון טייג.

## הכנות ליום טוב:

נאך חצות איז אסור צו טוהן מלאכות, וויבאלד עס איז שוין די זמן פון "מקריב זיין דעם קרבן פסח" און א יום קרבן איז ווי א יום טוב, אבער לכבוד יום טוב מעג מען פארעכטן א קלייד, אבער לכתחלה זאל מען מאכן אלע הכנות אויף יו"ט פאר חצות.

פון א האלבע שעה פאר מנחה קטנה (דאס מיינט נאך 9 און א האלב שעה פון אנהייב טאג) זאל מען זיך שוין נישט אנעסן, כדי אז מען זאל קענען עסן די מצה "לתיאבון" (מיט אפעטיט)

מען זאל צוגרייטן דעם טיש מיט שיינע זילבערנע מיט טייערע כלים, און מיט אלע זאכן ערב יום טוב, כדי אז ווען מען קומט אהיים, זאל מען באלד קענען אנהייבן דעם סדר.

**פארוואס באצירט מען דעם טיש מיט שיינע כלים?**

דער מהר"ל זאגט: צו מרמז זיין אז מיר זענען "בני חורין" באפרייטע מענטשן וואס אונז נוצן שיינע כלים.

נאך א טעם: א זכר אז די אידן זענען ארויס פון מצרים מיט פיל פארמעגן.

"חריין און חרוסת" זאל מען צוגרייטן ערב יום טוב, ווייל א זאך וואס האלט זיך פונקט אזוי גוט אויב מען מאכט דאס פריער, דארף מען לכתחלה מאכן פריער. און אזוי אויך דער "זרוע" זאל מען בראטן ערב יום טוב.

עס איז דא פארשידענע מנהגים ווי אזוי מען מאכט דעם "חרוסת" עס זענען דא וואס לייגן אריין, עפל, בארן, ניס, אינגבער, צימרינג דער בעל התניא זאגט אויף דעם א סימן: ובחרושת "אבן" ובחרושת "עץ" "אבן" איז ראשי תיבות א'ינגבער, ב'ארן, נ'יס, און "עץ" איז ראשי תיבות ע'פל צ'ימרינג.

די חרוסת דארף זיין דיק: ווייל דאס איז א זכר צו די טיט וואס אונזערע עלטערן האבן מיט דעם שווער געארבעט אין מצרים.מען פירט זיך צו מאכן די חרוסת ווייך, ווייל דאס איז א זכר צום דם-בלוט, וועגן דעם זאל מען דאס ווייך מאכן מיט א רויטע משקה ווי בארשט אדער רויטע ווייך.

עס איז א מצוה זיך צו ארומוואשן און זיך טובל'ן לכבוד יו"ט, ווייל עס שטייט "חייב אדם לטהר עצמו ברגל" דאס מיינט אז א מענטש דארף זיך רייניגן לכבוד יו"ט.

קינדער דארפן גיין שלאפן ערב פסח, כדי אז דער טאטע זאל קענען מקיים זיין די מצוה פון "והגדת לבנך" ווי עס דארף צו זיין, און די קינדער זאל האבן כח אויפצוזיין און קענען זאגן שיין די הגדה און פרעגן די פיר קושיות.

## די נעמען פון דעם הייליגן יו"ט:

דער יו"ט האט 3 נעמען, "חג הפסח" "חג המצות" "זמן חרותינו". דער נאמען "חג הפסח" איז, ווייל פסח מיינט אריבערשפרינגען, דער אייבערשטער האט איבער געשפרינגען אויף די אידישע שטובער ביי מכות בכורות.

דער נאמען "חג המצות" איז, וועגן די מצוה פון עסן מצה.

דער נאמען "זמן חרותינו" (וואס דאס איז טייטש א לשון פון פרייהייט) איז ווייל אין דעם טאג זענען מיר פריי געווארן פון גלות מצרים. (דער לשון טרעפן מיר נאר ביים דאווענען)

## פסח ביינאכט:

מען פירט זיך אז נאך מנחה זאגט מען "סדר קרבן פסח", וויבאלד מיר האבן נאך נישט דעם בית המקדש, בעטן מיר מיט דעם "ונשלמה פרים שפתנו".

## די סדר פון מקריב זיין דעם קרבן פסח

פון די דריי ימים טובים אין וועלכע די אידן זענען געווען באפוילן ארויף צו קומען קיין ירושלים און מקריב זיין זייערע נדרים און נדבות אין דעם בית המקדש, - איז געווען דאס מערסטע אינטערעסאנט, דער יום טוב פסח. אין דעם יום טוב  די אידן געשטראמט אין מאסן קיין ירושלים, מקיים צו זיין די מצוה וואס אלע אידן זענען געווען באפוילן, מקריב צו זיין דעם קרבן פסח.

הונדערטער טויזענטער אידן האבן "עולה רגל" געווען פון אלע שטעט און געגענטער פון ארץ ישראל. און אויך אידן וואס געוואוינט אין אנדערע לענדער, האבן זיך אנגעשטרענגט "עולה רגל" צו זיין אויף פסח.

פארשטייט זיך אליין, אז מ'האט געמוזט זארגן פאר פסח אז די אידן זאלן נישט האבן קיין צוריק האלט אויף די וועגן. די משנה דערציילט אין מסכת שקלים, אז שוין פון ראש חודש אדר, האט מען אנגעהויבן צו פארעכטן די אלע וועגן וואס זענען קאליע געווארן אין ווינטער פון די רעגענס און שנייען. אויך האט מען געגראבן ברונעם'ס וואסער אויף די הויפט וועגן, אז די אידן זאלן  האבן וואס צו טרינקען אינמיטן וועג. אויך האט מען איינגעפירט א תקנה, אז די אידן וואס  האבן שטובער אין ירושלים, זאלן נישט נעמען קיין געלט פון די געסט וואס שטייען איין ביי זיי. ווייל ירושלים געהערט פאר אלע אידן צוזאמען, און עס איז נישט איינגעטיילט געווארן פאר די שבטים. די אלע זאכן האבן צוגעברענגט, אז די אידן  האבן "עולה רגל" געווען מיט שמחה אן קיין שום זארג.

אין תוספתא פון מסכת פסחים ווערט דערציילט, אז איינמאל האט אגריפס המלך (וועלכע האט געלעבט אין די צייטן פון דעם צווייטן בית המקדש) געוואלט וויסן וויפיל אידן זענען געקומען "עולה רגל" זיין, האט ער געבעטן פון די כהנים אז זיי זאלן אָפְּשֵׁיידן איין ניר פון יעדן קרבן איידער מען וועט דאס מקריב זיין. די צאהל איז אויסגעקומען 600 טויזענט. און ווי באקאנט, איז אויף יעדן קרבן פסח געווארן צוזאמען געציילט מער פון צען מענטשן. קענען מיר זיך שוין פארשטעלן וויפיל מיליאנע אידן האבן עולה רגל געווען!!!

אויך ווערט דערציילט, אז דריי יאהר פאר דעם חורבן פון דעם צווייטן בית המקדש, - ווען עס איז שוין געווען זייער שווער עולה רגל צו זיין, צוליב די צרות וואס די רומישע הערשער  האבן אנגעטוהן, - האט דער רוימישער גענעראל געשטעלט פאליציי אפצוציילן די אלע "פסחים", און די צאהל איז אויסגעקומען 256,500 (צוויי הונדערט זעקס און פופציג טויזענט און פינף הונדערט)

און כאטש אזוי פיל יודן  "עולה רגל" געווען אויף איינמאהל, - דאך האט קיין איין יוד נישט געהאט א טענה אז עס איז מיר נישט באקוועם דאס פלאץ ווי איך וועל נעכטיגן אין ירושלים (אזוי דערצעהלט די משנה אין מסכת אבות).

די שמחה און דערהויבענקייט וואס האט געהערשט ביי יעדן איינציגן איד בשעת ער האט זיך געפונען אין ירושלים, איז אוממעגליך זיך

פארצושטעלן. און דער הויפט מאמענט פון די גאנצע שמחה איז געוועןביים מקריב זיין דעם קרבן פסח.

א גרויסע משפחה וואס האט געקענט אליין אויפעסן א קרבן פסח, האט געקויפט א לעמעלע פאר זיך אליין. א קלענערע משפחה האט זיך צוזאמען גענומען מיט א צווייטע קליינע משפחה, און צוזאמען זענען זיי געווארן א "חבורה". און אזוי ווי פריער דערציילט, האט מען געמוזט די אלע הונדערטער טויזנטער "קרבן פסח'ס" מקריב זיין אין זייער א קורצע צייט פון נאך חצות פון ערב פסח ביז פארנאכטס!!!!

דער ריזיגער "עולם" האט מען צוטיילט אין דריי כיתות. און זיי האבן מקריב געווען איינער נאכן אנדערן. באלד ווען דער חצר פון בית המקדש האט זיך אנגעפילט מיט די ערשטע כיתה האט מען פארשלאסן די גרויסע שווערע טויערן. מ'האט געבלאזן שופר: תקיעה, תרועה, תקיעה, און מ'האט אנגעהויבן צו שחט'ן די פסחים. לאנגע רייעס פון כהנים זענען געשטאנען אין דעם הויף, און זיי געהאלטן אין זייערע הענט שיסלער פון זילבער און פון גאלד, אויף אריין צו נעמען אין דעם די בלוט. די כהנים מיט די גאלדענע שיסלער זענען געשטאנען עקסטערע און זיך נישט אויסגעמישט מיט די כהנים פון די זילבערנע שיסלער.

דער ערשטער כהן וואס איז געשטאנען נעבן ווי מ'האט געשחט'ן, האט אנגענומען די בלוט מיט זיין שיסעל, און ער האט דאס שנעל איבערגעגעבן פאר דעם צווייטן כהן, און דער צווייטער צו דעם דריטן, מיט איין האנט געגעבן די פולע שיסל אין מיט די אנדערע האנט צוריק גענומען די ליידיגע שיסל, און אזוי ווייטער און ווייטער. ביז עס איז אנגעקומען צו דער לעצטער כהן וואס איז געשטאנען נעבן דעם מזבח "מתנה אחת ובלבד שיתן כנגד היסוד" (דאס מיינט אויפן מזבח ארום און ארום אויף א פלאץ וואס אונטער דעם איז דא א יסוד, דאס מיינט נאר נישט מזרחית דרומית וואס אונטער דעם איז נישט געווען קיין יסוד), און ער האט דאס געשפריצט מיט די כלי.

דאס אלעס איז געטוהן געווארן אזוי פלינק און מיט א שנעלקייט, אז איינער וואס איז געשטאנען פון דערוויטנס און ער האט דאס צוגעקוקט, האט אויסגעזעהן פאר איהם די אלע גלאנצעדיגע שיסלער, אזוי ווי פייער בליצן וואס פליען.

פון אונטן זענען די שיסלער נישט געווען פלאך (אזוי ווי געווענליכע שיסלער), נאר שפוציג. כדי מ'זאל זיי נישט קענען אראפ לייגן אויף דער ערד אז די בלוט זאל פארגליווערט ווערן. (בלוט וואס ליגט אביסל צייט אן זיך

באשעפטיגן מיט דעם ווערט פארטריקנט). נאך די בלוט שפריצן, האט מען מקטיר געווען די אלע אימורים אויף דעם מזבח.

במשך די גאנצע צייט פון די עבודה האט די גאנצע כיתה געזאגט הלל צוזאמען. און אויב די כהנים זענען נאך נישט פארטיג געווארן מיט די עבודה, האט מען איבערגעזאגט הלל צום צווייטן מאל און צום דריטן מאל. אבער די גמרא דערציילט, אז וויבאלד די כהנים זענען געווען אזוי פלינק, האט קיינמאל נישט פאסירט אז מ'זאל מוזן איבער זאגן הלל צום דריטן מאל.

ווען די ערשטע כיתה איז ארויס געגאנגען, איז אריין געגאנגען די צווייטע כיתה, און געטוהן דאס זעלבע ווי ביי די ערשטע. און אזוי אויך ביי די דריטע.

נאך דעם איז יעדע "חבורה" געגאנגען בראטן זיין קרבן פסח. מ'האט געבראטן די גאנצע קרבן אויף איינמאל: די קאפ, די קערפער די קניען, אויף א שטייענדיגע שפיז.

ביינאכט זיך איינגעזאמעלט יעדע "חבורה", און מ'האט אפגעראכטן א פסח סדר אזוי ווי מיר טוהן היינט. אבער אנשטאט לייגן אויף די קערה "זרוע" - וואס דאס איז נאר א זכר אויף דעם קרבן פסח - זיי געברענגט דעם קרבן פסח אליין און דאס געגעסן מיט געוואלדיגע פרייד און לוסטיגקייט.

דער גאנצער ענין פון מקריב זיין דעם קרבן פסח, איז געווארן שטארק באקאנט פאר נאנט און פאר ווייט, אז אפילו די גוים זענען פון גרויס אינטערעסאנטקייט געקומען קיין ירושלים צוצוקוקן דעם געוואלדיג-הייליגן בילד. דאס האט צוגעברענגט, אז פוהל גוים זיך אנגעהויבן צו דערנעהנטערן צום אידישן פאלק, און זיי האבן זיך מגייר געווען.

און היינט, ווען מיר זעצן זיך אוועק צום סדר, און מיר טראכטן אריין אין יענע גליקליכע און ליכטיגע טעג, וואס יעדער יוד איז געזעצן אין זיין וויינגארטן מיט זיין פראכטיגן הויז, און דער הויז פון באשעפער איז געשטאנען אויף זיין ארט מיט זיין פוהלען גלאנץ און הערליכקייט, רופן מיר אויס פוהל מיט בטחון און האפענונג:

# לשנה הבאה בירושלים

נאכן זאגן דעם "סדר פון מקריב זיין דעם קרבן פסח" דאווענט מען מעריב, ביי שמונה עשרה זאגט מען "יעלה ויבוא" "ביום חג הפסח הזה" דער הייליגער רש"ש זי"ע אז מיט די מעריב פון פסח ביינאכט קען מען אויפטוהן, אסאך מער וואס מען קען אויפטוהן מיט אסאך אנדערע תפילות צוזאמען פון אנדערע שבתים און ימים טובים.

נאך מעריב פירן אונז זיך צו זאגן גאנץ הלל מיט א ברכה, וואס דאס איז די איינציגסטע מאל אין יאר וואס מען זאגט הלל ביינאכט מיט א ברכה, מען דארף זאגן די הלל מיט א גרויסע שמחה, דער הייליגער פרי צדיק שרייבט אז אין די צייט וואס מען זאגט הלל קומט אראפ א מורא'דיגע ליכטיגקייט אויף די וועלט.

נאך מעריב דארף מען גלייך אהיים גיין, כדי מען זאל קענען גלייך אנהייבן דעם הייליגן סדר נאכט.

# ליל הסדר:

### פארוואס רופן מיר דאס סדר נאכט?

דער מהר"ל זאגט: דאס קומט מרמז זיין, אז מיר זאלן וויסן אז אלעס וואס האט פאסירט מיט די אידן פון ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים ביזן היינטיגן טאג, איז מיט א אויסגעשטעלטע "סדר" פון פאראויס און השגחה פרטית פון הייליגן באשעפער.

דער בית אהרן זאגט: אז דער סדר איז אויך דער סדר אויף א גאנץ יאר, ווייל אסאך מצוות פון די תורה וואס מיר טוהען דורכ'ן יאר זענען אלץ זכר ליציאת מצרים.

צדיקים האבן געזאגט: דאס הייסט "סדר נאכט" ווייל די נאכט איז א סדר אויף א גאנץ יאר, ווייל ווי אזוי מען פירט זיך אויף אין די נאכט וועט מען זיך אויפפירן א גאנצן יאר.

# די הייליגקייט פון סדר נאכט:

דער סדר דארף ווערן געפירט סיי מיט חירות דאס הייסט פרייהייט אזוי

ווי א קעניג, און אויך מיט א געוואלדיגע ערנסטקייט, וועגן דעם דארף מען זיין געווארנט נישט צו רעדןביים סדר קיין רייד וואס איז נישט אזוי וויכטיג.

עס שטייט אין זוהר הקדוש אז דער הייליגער באשעפער קומט אראפ מיט אלע מלאכים צו זעען ווי די אידישע קינדער פירן דעם הייליגן סדר נאכט, און ס'שטייט אויך אין הייליגן ספר זרע קודש אז יעדע יאר ביים סדר קומט אראפ די זעלבע גרויסע ליכטיגקייט וואס איז אראפ געקומען ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים.

דער הייליגער ייטב לב שרייבט אז אין די נאכט פונעם הייליגן סדר קען מען זיך אלעס אויסבעטן, און ער טייטשט "כל דכפין ייתי ויכול" אז מען קען זיך אויסבעטן פרנסה אויף א גאנץ יאר, "כל דצריך ייתי ויפסח" אז יעדער איינער וואס ער דארף שפרינגט דער אויבערשטער אריבער און ער טוט וואס דער מענטש בעט.

דער הגדה דארף ווערן געזאגט מיט שמחה און לויב צום רבוש"ע, און זיך פָארשטעלן אזוי ווי מיר אליין וואלטן ארויסגעגאנגען פון מצרים, ווי מיר זאגן דאך אין די הגדה, "חייב אדם לראות את עצמו כאלו הוא יצא ממצרים".

## כל דכפין ייתי ויכול:

עס איז א גרויסע ענין צו אריינעמען געסט ביים סדר נאכט, אפילו אומפאסיגע מענטשן וואס נישט יעדער איינער וויל אריינעמען.

כ"ק מרן רבינו שליט"א האט אמאל געטייטש אז עס איז געווען אמאל ווען דער הייליגער קדושת לוי זי"ע האט אריינגענומען אין שטוב אן אומפאסיגער אורח, און די משפחה האבן איהם געוואלט ארויסווארפן פון שטוב. אבער דער הייליגער בארדיטשובער האט איהם נישט געלאזט ארויסווארפן, האט ער געזאגט מיט זיין גרויס ענווה אז ווען משיח וועט קומען ווען ער וועט וועלן אריינגיין אין די סוכה פון די לויתן, וועט מען זאגן אויף איהם אויך אז ער איז נישט ראוי דערצו, דעמאלטס וועט מען זיך קענען

אננעמען פאר אים מיט דעם אז ער האט אויך נישט ארויסגעשיקט אן אורח שאינו הגון פון שטוב.

מיט דעם האט דער רבי שליט"א געטייטשט (ליל הסדר תשס"ז) 'כל' דיכפין ייתי וייכול וכו', יעדער גאסט אפילו א נישט פאסיגער אורח קען אריינקומען צום סדר, ממילא "לשנה הבאה בארעא דישראל", און דעמאלטס וועט מען אונז באצאלן פארדעם, אז כאטש מיר וועלן נישט זיין כדאי צו זיצן צוזאמען מיט די צדיקים ווען משיח וועט קומען, וועט מען אונז נישט ארויסווארפן פון די סוכה פון לויתן.

# מה נשתנה ליכט:

עס איז דא וואס פירן זיך צו אנצינדן גרויסע ליכט וואס מען רופט דאס מה נשתנה ליכט

**פארוואס רופט מען דאס מה נשתנה ליכט?**

ווייל עס שטייט אין זוהר הקדוש (פרשת בא) אז אין די נאכט וואס אידישע קינדער זענען ארויס פון מצרים, איז געווען אזוי ליכטיג ווי אין א טאג אינמיטן חודש תמוז, וועגן דעם צינדן מיר אן גרויסע לעכט וואס ברענען א גאנצע נאכט צו ווייזן אז אין די נאכט איז געווען א גאנצע נאכט ליכטיג.

נאך א טעם שטייט און ספר ילקוט אברהם וועגן דעם רופט מען דאס אן "מה נשתנה" לעכט, ווייל די נאכט איז געווען אנדערש פון אלע אנדערע נעכט מיט די ליכטיגקיט.

# קיטל:

**פארוואס טוען מיר אן א ווייסע קיטל?**

דער מהר"ל שרייבט ווייל אין די נאכט פון פסח קען מען צוקומען צו די מדריגה פונעם כהן גדול ווען ער איז אריין געגאנגען אין קדשי קדשים, אין הייליגסטן טאג

פונעם יאר יום כיפור, מיט ווייסע קליידער, ווען דעם טוען מיר אויך אָן א ווייסע קיטל.

נאך א טעם ווייל א ווייסע בגד איז א חשוב'ע קלייד, און עס ווייזט אויף פרייהייט, און מיר ווייזן דערמיט אז מיר זענען שוין מער נישט קיין קנעכט נאר פרייע מענטשן.

נאך א טעם שרייבט דער הייליגער טורי זהב ווייל מען האט מורא געהאט אז דורך די גרויסע שמחה פונעם סדר נאכט וועט מען ח"ו צוקומען צו גיאות (מען וועט זיך גרויס האלטן אז מען האט אין איין נאכט מקיים געווען אזויפיל מצוות) וועגן דעם טוט מען אן א 'קיטל' וואס דאס איז א קלייד וואס מען טוט אן פאר נפטרים ל"ע, וואס דאס דערמאנט דעם מענטש אז מען לעבט נישט אייביג, און עס איז נישט דא מיט וואס זיך גרויסצוהאלטן.

נאך א טעם שרייבט דער הייליגער מהר"ל פון פראג ווייל ווייס איז א ריינער קאליר און עס איז נישט אויסגעמישט מיט אנדערע קאלירן, אזוי אויך איז די אויסלייזונג פון מצרים געווען דורך דעם אייבערשטן אליינס, און קיין שום זאך האט נישט צוגעהאלפן צודעם.

נאך א טעם זאגט דער הייליגער צדיק רבי פנחס פון קאריץ זי"ע, ווייל עס שטייט אין די הגדה "ויהי שם לגוי" מלמד שהיו ישראל מצוינים שם, ד.מ. אז אידן זענען געווען אויסגעצייכנט אז זייערע קליידער זענען געווען אנדערש ווי די גוי'אישע קליידער, אזא קלייד ווי א קיטל האט נישט א גוי, ווייזט מען אז וועגן דעם וואס די אידן זענען נישט געגאנגען די גוי'אישע מלבושים זענען זיי געווארן אויסגעלייזט פון מצרים.

# סדר הקערה

**די קערה שטעלן מיר אויס אזוי ווי דער נוסח פון אר"י הקדוש:** (צוויי סֶגוֹל'ס איינס אויפן צווייטן) **"זרוע" רעכטס, "ביצה" לינקס, און "מרור" אינמיטן אביסל אונטער דעם, די "חרוסת" רעכטס, "כרפס" לינקס, און "חזרת" אינמיטן אביסל אונטער דעם.**

**מען נעמט פאר "זרוע" א געבראטענע פליגעלע,** (אדער א גארגל)**. מען טאר דאס נישט עסן ביינאכט, כדי אז עס זאל נישט אויסזעהן ווי מען עסט א קרבן קדשים** (וואס מען טאר דאס נישט עסן ווען מען איז טמא)**.**

און מען נעמט אויך א איי (ביצה).

## פארוואס נעמט מען די זרוע מיט די ביצה (איי)?

די צוויי געקאכטע זאכן, די איי (ביצה) מיט די זרוע, ווייל אין די צייט וואס דער ביהמ"ק איז געשטאנען האט מען געדארפט ברענגען דעם קרבן פסח בשעת מ'האט געזאגט די הגדה, יעצט אז דאס ביהמ"ק איז חרוב געווארן האבן די הייליגע חכמים מתקן געווען אז עס זאל זיין אויפן טיש צוויי געקאכטע זאכן איינס א זכר צו קרבן פסח, און א זכר צום קרבן חגיגה.

נאך א טעם ווייל "זרוע" איז א זֵכֶר פאר די "זרוע הנטוי-ה", דער אויסגעשטרעקטער ארעם מיט וואס דער אייבערשטער האט ארויס גענומען די אידן פון מצרים. און ווייל אויף לשון ארמי זאגט מען 'בעיא', וואס דאס איז א לשון פון 'בעה רחמנא למפרק יתנא בדרעא מרממא", דאס מיינט אז דער הייליגער באשעפער האט אונז געוואלט אויסלייזן מיט א שטארקע האנט.

מען לייגט אויף די קערה א שטיקל מרור.

## פארוואס עסט מען מרור?

פאר א געדענקעניש פון "וימררו את חייהם" אז מען האט פארביטערט זייער לעבן.

מען לייגט אויף די קערה חרוסת.

## פארוואס לייגט מען חרוסת?

ווייל דאס איז א זכר פון די ליים וואס די אידן האבן געדארפט מאכן אין מצרים.

מען לייגט אויפן קערה א שטיקל כרפס.

## פארוואס עסט מען כרפס?

ווייל עס איז די אותיות "ס" "פרך", דאס מיינט אז זעכציג מאל צען טויזנט אידן (ד. מ. זעקס הונדערט טויזנט מענטשן) האבן געארבעט "פרך" שווערע ארבעט אין מצרים.

און נאך א טעם ווייל "כרפס" איז א לשון פון "זיידן" (ווי עס שטייט "כתונת פסים"), און וועגן די זיידענע העמדל וואס די ברידערס האבן מקנא געווען יוסף הצדיק, האבן זיי אים פארקויפט קיין מצרים, און דורך דעם איז ארויס געקומען דער גאנצער גלות מצרים.

# זיך אנלאנען:

מען מוז זיך אנלאנען אויף די לינקע זייט און נישט אויף די רעכטע זייט, ווייל אין א מענטש איז דא צוויי רערן די "קנה" (וואס דאס איז די ליפט רער) און די "ושט" (וואס דאס איז די עסן רער). די ליפט רער האט א דעקל וואס מאכט זיך אויף צום רעכטע זייט, האבן די חכמים מורא געהאט אז אויב מען וועט זיך אנלאנען אויף די רעכטע זייט, וועט זיך אויפמאכן די לופט רער און די עסן וועט ח"ו דארט אריינגיין, און ער וועט זיך ח"ו דערשטיקן.

**פארוואס לאנט מען זיך אן?**

איין טעם איז ווייל מען לאנט זיך אן צו ווייזן פרייהייט.

נאך א טעם שרייבט דער רמ"א, ווייל דער סדר איז געווען אז די חשוב'ע מענטשן פלעגן עסן אנגעלאנט, ווילן מיר מרמז זיין אז מיר זענען שוין נישט קנעכט, מיר זענען שוין בני חורין, באפרייטע מענטשן.

# ארבע כוסות:

**פארוואס טרינקט מען פיר כוסות?**

מען טרינקט 4 כוסות ווייל דאס איז קעגן די פיהר לשונות פון אויסלייזן וואס דער איבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו: "והוצאתי", "והצלתי", "וגאלתי", "ולקחתי".

די ערשטע בעכער איז אנטקעגן "והוצאתי" און די צווייטע איז אנטקעגן "והצלתי" און די דריטע איז אנטקעגן "וגאלתי" און די פערדע איז אנטקעגן "ולקחתי".

נאך א טעם, קעגן די פיהר אויסגעצייכענטע גוטע זאכן מיט וואס די אידן האבן זיך אויפגעפיהרט אין מצרים: זיי האבן נישט פארענדערט זייער נאמען, זייער שפראך, זייער קליידונג, און זיי האבן נישט געמסר'ט אדער גערעדט לשון הרע איינער אויפן צווייטן (אויסער דתן און אבירם).

נאך א טעם, ווייל דורך יוסף הצדיק איז אויסגעקומען אז די יודן זאלן אויסגעלייזט ווערן, און ביי דעם חלום פון דעם שר המשקים שטייט פיהר מאהל דאסווארט "כוס".

נאך א טעם, שרייבט דער הייליגער מהר"ל אז דאס איז קעגן אונזערע 4 אמהות שרה, רבקה, רחל, און לאה, ווייל אין זייער זכות זענען מיר אויסגעלייזט געווארן.

## רויטע וויין:

**פארוואס מ'דארפט זוכן דוקא רויטע וויין?**

ווייל דער אור זרוע זאגט עס איז א זכר צו די בלוט וואס פרעה האט גע'שחט'ן אידישע קינדער.

און נאך א טעם שרייבט דער פרי מגדים ווייל דאס איז א רמז אויף די מכה פון דם בלוט וואס אלע וואסערן זענען געווארן רויט.

נאך א טעם, ווייל אזוי ווי די אידן זענען געראטעוועט געווארן פון שטארבן דורך די מצוה פון אויפשמירן די בלוט אויף די שוועל, אזוי אויך, דורך דעם וואס מיר וועלן טרינקען רויטע וויין, וואס דאס איז ענדליך צו בלוט, וועט אונז דער אייבערשטער אפהיטן פון אלע שלעכטע זאכן.

## דריי מצות:

מען נוצט 3 מצות, דער טו"ז זאגט וויבאלד איין מצה דארף מען צוברעכן ביי "יחץ", דערפאר נעמט מען נאך צוויי גאנצע מצות פאר לחם משנה.

נאך א טעם, קעגן "כהן" "לוי" און "ישראל".

נאך א טעם, שרייבט דער הייליגער רוקח אז דאס איז אנטקעגן די דריי אבות אברהם יצחק און יעקב.

# די סימני הסדר:

מען זאגט אלע סימנים אויפן סדר: קדש ורחץ וכו׳, ווייל וואונדערליכע סודות זענען אין זיי מרומז. מען פירט זיך אז די קינדער טייטשן איבער אלע סימנים אויף אידיש.

עס איז דא פארשידענע סימנים פון די צייטן פון די ראשונים, אבער מיר האבן דער קבלה פון רש״י ז״ל וואס האבן אין איר 15 סימנים, און דאס זענען קדש, ורחץ, כרפס, יחץ, מגיד, רחצה, מוציא, מצה, מרור, כורך, שולחן עורך, צפון, ברך, הלל, נרצה.

# קדש:

מען שווענקט גוט אויס די בעכער׳ס, מען פירט זיך אז מען גיסט אן די בעכער׳ס איינער פארן צווייטן בפרט פאר דער טאטע פון יעדן שטוב, אזוי ווי די סדר פון קעניגן.

ביי די ברכה פון שהחיינו זאל מען אינזין האבן אלע מצוות וואס מען איז מקיים אין דעם סדר נאכט.

לכתחילה דארף מען אויסטרינקען א גאנצע רביעית (וואס דאס איז א סארט שיעור) מיט איינמאל.

די פיר כוסות מוז מען טרינקען אנגעלאנט.

מען מאכט נישט קיין נאך ברכה נאך דעם ערשטן כוס.

קידוש דארף זיין ווען עס איז שוין זיכער נאכט. אפילו יעדן שבת מעג מען מאכן קידוש אפילו נאך פאר נאכט, אבער פסח מאכט מען קידוש נאר ווען ס׳איז שוין זיכער נאכט, ווייל קידוש מוז זיין אין די צייט וואס מען קען עסן מצה. וואס ביי דעם שטייט אין די תורה: ״בערב תאכלו מצות״.

**פארוואס מאכט יעדער איינער קידוש?**

ווייל פסח ביינאכט איז א מצוה צו דערציילן די ניסים פון יציאת מצרים, און ביי קידוש דערמאנט מען יציאת מצרים.

# ורחץ:

מען וואשט זיך די הענט פונקט ווי מען וואשט זיך פאר די סעודה, אבער אן א ברכה.

דער מנהג איז, צו ברענגען וואסער פאר דעם בעל הבית פון שטוב זיך צו וואשן די הענט.

### פארוואס וואשט מען זיך די הענט?

מען וואשט זיך די הענט ווייל מיר גייען איינטינקען אן עסנווארג (כרפס) אין וואסער ווייל עס איז דא וואס האלטן אז ווען מען טינקט איין א עסן אין א טרינק, דארף מען זיך וואשן די הענט. אפילו די וואס פירן זיך נישט א גאנץ יאהר, דאךביים סדר איז מען מער מחמיר.

נאך א טעם זאגט דער רבי דער דברי יואל זאגט: די חז"ל האבן אונז געוואלט לערנען, אז מיר זאלן מקיים זיין אלע זייערע תקנות כאטש מיר ווייסן נישט דעם ריכטיגן טעם, נאר מיר זאלן האבן אמונה פשוטה אין זייערע תקנות.

# כרפס:

מען נעמט א שטיקל גרינצייג (רעטעך א.א.ג.) קלענער פון א כזית (כדי מ'זאל נישט מוזן מאכן א נאך ברכה) מען טונקט דאס איין אין זאלץ וואסער, און מען מאכט א ברכה "בורא פרי האדמה", און מען האט אינזין צו פטר'ן דעם מרור, אז מ'זאל נישט מוזן מאכן נאכאמאל א "בורא פרי האדמה" און מען מאכט נישט קיין נאך ברכה "בורא נפשות" אפילו ער האט געגעסן א כזית, ווייל די מרור ווערט גע'פטר'ט מיט די בורא פרי האדמה וואס מ'האט געמאכט אויף די ירקות, וועגן דעם ווערן אויך די ירקות גע'פטר'ט מיט די ברכה אחרונה וואס מ'מאכט אויפן מרור, וואס דאס איז "ברכת המזון". אזוי ווי די הלכה איז ביי פירות וואס ווערן געגעסן אינמיטן די סעודה אז זיי ווערן גע'פטר'ט מיט ברכת המזון.

### פארוואס עסט מען כרפס?

עס שטייט אין די גמרא פסחים דער טעם פארוואס מען עסט כרפס איז ווייל די קינדער זאלן זעהן ווי מען טוט זאכן אנדערש ווי א גאנצע יאר, ווייל א גאנצע יאר הייבט מען גלייך די סעודה און היינט עסט מען קודם גרינציג, און דאס וועט צוברענגען זיין אז זיי זאלן פרעגן קשיות.

נאך א טעם, זאגט דער מהרי"ל ווייל דאס איז א וועג פון פרייהייט. רייכע און חשוב'ע מענטשן טונקען איין עפעס פאר די סעודה, כדי דאס זאל זיי צוברענגען אפעטיט אז מען זאל קענען עסן די מצה מיט א אפעטיט.

### פארוואס טונקט מען דאס איין אין זאלץ וואסער?

דער מעשה ה' זאגט: אז דאס איז א רמז אויף דאס פארקויפן פון יוסף הצדיק, וואס מען האט זיין כתונת פסים איינגעטונקען אין בלוט, וואס דורך דעם איז געקומען די גלות מצרים.

נאך א טעם, זאגט דער הייליגער שר שלום פון בעלזא זי"ע ווייל ווען די אידן האבן געוואלט מקריב זיין זייער קרבן פסח, האבן זיי זיך געמוזט טובל'ן פאר דעם. זענען זיי אלע געגאנגען זיך טובל'ן אין דעם נילוס, און דורך דעם וואס אזוי פיל יודן זענען אריין געגאנגען אין די טייך, איז די טייך שמוציג געווארן פון די זאמד פון'ם ים, און עס האט אויסגעזעהן אזוי ווי זאלץ וואסער, ווייל זאלץ וואסער איז אויך א געדעכטע וואסער, אלץ זכר פאר דעם, טונקען מיר איין אן עסענווארג אין זאלץ וואסער.

נאך א טעם, ווייל די אידן האבן אזוי שטארק געבעטן און געוויינט צום אייבערשטן אז ער זאל זיי אויסלייזן, און זאלץ וואסער איז אזוי ווי טרערן. אלץ זכר פאר דעם, טונקען מיר איין אן עסענווארג אין זאלץ וואסער.

## יחץ:

דער מיטעלסטע מצה צוברעכט מען אויף צוויי, אז איינס זאל זיין גרעסער פונעם צווייטן. און די גרעסערע העלפט באהאלט מען אויף אפיקומן.

מען באהאלט דעם אפיקומן כדי די קינדער זאלן פרעגן פארוואס מען טוהט דאס. מען פירט זיך אז די קינדער כאפן אוועק דעם אפיקומן און זיי

באהאלטן דאס ביז "צפון", און דעמאלסט גיבן זיי דאס צוריק פארן טאטן.

## פארוואס מען צוטיילט די מצה ביי יחץ?

די תורה רופט אן די הייליגע מצות "לחם עוני" ארימע ברויט. דער סדר פון אן ארימאן איז, צו עסן א צובראכענע שטיקל נישט קיין גאנצע. דערפאר צוטיילן מיר דעם מצה אין צוויי. מיר צוטיילן דאס, פאר מען זאגט "הא לחמא עניא".

דער שמחת הרגל זאגט נאך א טעם צו ווייזן אז די אידן זענען געווען אין מצרים נאר א האלבע צייט פון 400 יאר, וואס זיי האבן געדארפט זיין אין גלות, און זיי זענען נאר געווען 210 יאר.

דער רבי בעל דברי יואל זי"ע זאגט נאך א טעם, ווייל ווען אלע דריי מצות וואס זענען מרומז קעגן כהן, לוי, ישראל, האלטן זיך באחדות און האבן זיך ליב איינעם דעם צווייטן, אבער מען צוברעכט די איינע פון די מצות צו ווייזן אז פונדעסטוועגן דאך פון רשעים, און פון מענטשן וואס חבר'ן זיך מיט רשעים דארף מען זיך אפשיידן, און מען טאר זיך מיט זיי נישט חבר'ן (הגדה דברי יואל).

## פארוואס מען צוטיילט דוקא די מיטעלסטע מצה?

ווייל די מיטעלסטע מצה איז קעגן לוי, און דער שבט לוי איז צוטיילט געווארן אויף צוויי טיילן: 1) כהנים. 2) די לוויים.

נאך א טעם זאגט דער רבי דער ברך משה זי"ע אז מען צוברעכט דווקא די מיטלסטע מצה, לויט וואס עס שטייט אז די דריי מצות זענען קעגן אברהם, יצחק, יעקב, און די מיטלסטע איז קעגן יצחק, די גמרא אין מסכת שבת זאגט אז אין די צייטן פון משיח וועט דער אייבערשטער זאגן פאר יצחק דיינע קינדער האבן געזינדיגט, און ער וועט ענטפערן פארן אויבערשטן אז האלב עבירות פון די אידן זאל דער באשעפער נעמען אויף זיך און האלב וועל איך נעמען אויף מיר, וועגן דעם צוטיילט מען די מיטלסטע מצה וואס עס איז קעגן יצחק, צו מרמז זיין אז אין משיח'ס צייטן וועט יצחק אויך זאגן אז מען זאל אזוי צוטיילן האלב אויף האלב.

## מגיד:

מען זאגט די הגדה פון "הא לחמא עניא" ביז "גאל ישראל".

מען דארף אינזין האבן יוצא צו זיין די מצוה פון "דערציילן פון יציאת מצרים". אזוי ווי עס שטייט: "והגדת לבנך ביום ההוא לאמר וגו'". דאס מיינט אז מען זאל דערציילן פאר די קינדער און זיי געבן צו פארשטיין די גרויסע ניסים פון יציאת מצרים.

מען זאגט די הגדה מיט שמחה, און נישט אנגעלאנט. אין זוהר הק' שטייט: אז ווער עס זאגט די הגדה מיט פרייד, וועט זוכה זיין זיך צו פרייען מיט די שכינה אין עולם הבא. דער אייבערשטער מיט אלע מלאכים קומען אראפ קוקן ווי אזוי אידן פירן דעם הייליגן סדר נאכט און דערציילן פון יציאת מצרים.

**פארוואס מאכט מען נישט קיין ברכה אויף די הגדה?**

דער רי"ף ענטפערט אז דאס וואס מען זאגט ביי קידוש "זכר ליציאת מצרים" דאס איז שוין די ברכה וואס מען מאכט אויף די הגדה.

דער רשב"א זאגט נאך א טעם ווייל וויבאלד די מצוה פון דערציילן פון יציאת מצרים האט נישט קיין שיעור, ווי מען זאגט אין די הגדה 'וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח', און אויף א מצוה וואס האט נישט קיין שיעור מאכט מען נישט קיין ברכה.

מען דעקט אויף די מצה און מען זאגט "הא לחמא עניא.

**פארוואס דעקט מען אויף די מצה?**

דער לבוש זאגט: ווייל די מצה ווערט אנגערופן "לחם עוני" (נאך א טייטש) די טייטש פון עוני איז פון ענטפערן און זאגן, דאס מיינט די מצה וואס מען זאגט אויף דעם אסאך רייד, וועגן דעם דערציילט מען אויף דעם די ניסים פון יציאת מצרים.

**פארוואס זאגט מען הא לחמא עניא אויף די ארამישע שפראך?**

דער טעם פארוואס מיר זאגן דאס אויף אראמיש איז, וויבאלד דאס זאגט מען פאר אלע מענטשן וואס זיצן ביים טיש. און אין דער צייט וואס מ'האט צוזאמען

געשטעלט דעם הגדה, זענען געווען פיל מענטשן וואס האבן נאר פארשטאנען אראמיש.

נאך א טעם, ווייל מיר בעטן דעם אויבערשטן אז ער זאל אונז אויסלייזן פון דעם גלות, און מיר האבן מורא אז די מלאכים וועלן מקטרג זיין און זאגן אז מיר זענען נישט ווערט אויסגעלייזט צו ווערן. וועגן דעם זאגן מיר דאס אין אראמיש, א שפראך וואס די מלאכים פארשטייען נישט.

נאך א טעם, זאגט דער הייליגער ערוגת הבושם זי"ע ווייל אלע תפילות פון א גאנץ יאהר זאגן מיר אין לשון הקודש, ווייל מיר ווילן אז די מלאכים זאלן אונז העלפן אז די תפילות זאלן אנגענומען ווערן פארן אייבערשטן. אבער פסח ווייזן מיר אז וויבאלד דער אייבערשטער געפונט זיך צוזאמען מיט אונז ביים סדר, דארפן מיר נישט קיין הילף פון די מלאכים אז די תפילות זאלן אנגענומען ווערן. דערפאר זאגן מיר דאס אין אראמיש וואס די מלאכים פארשטייען נישט.

# מה נשתנה:

מען גיסט אן דעם צווייטן כוס, און די קינדער פרעגן דעם "מה נשתנה" און דער טאטע ענטפערט דעם תירוץ.

**ערשטע קשיא:** די ערשטע קשיא איז, פארוואס עסן מיר די נאכט מצה, איז דער תירוץ, "עבדים היינו לפרעה במצרים", קנעכט זענען מיר געווען אין מצרים, און קנעכט עסן מצה (לחם עוני). אויך ווייל דער אייבערשטער האט אונז ארויס גענומען פון דארט מיט א יאגעניש, און עס איז נישט געווען קיין צייט די טייג זאל ווערן חמץ, און עס איז געבאקן געווארן מצה.

**צווייטע קשיא:** די צווייטע קשיא איז, פארוואס עסן מיר די נאכט מרור, איז דער תירוץ אז עס איז א זכר וואס די מצריים האבן פארביטערט פאר די אידן זייער לעבן און שווער געארבעט מיט זיי.

**דריטע קשיא:** די דריטע קשיא איז, פארוואס טונקען מיר איין צוויי מאהל, איז דער תירוץ "ויוציאנו ה' אלוקינו משם", דער אייבערשטער האט אונז ארויס גענומען פון מצרים. טונקען מיר איין צוויי מאהל צו ווייזן פרייהייט אז מיר זענען אזוי ווי קעניגליכע קינדער.

**פערטע קשיא:** די פערטע קשיא איז, פארוואס מיר לאנען זיך אהן, איז דער תירוץ אז אויך דאס טוהן מיר צו ווייזן פרייהייט.

פאר מען זאגט "והיא שעמדה" פארדעקט מען צוריק די מצות, און מען נעמט דעם כוס אין די רעכטע האנט. און מען זאגט הויך אויפן קול "והיא שעמדה". נאכדעם לייגט מען אראפ דעם כוס, און מען דעקט צוריק אויף די מצות, און מען זאגט ווייטער.

**פארוואס דעקט מען צו די מצות ווען מען הייבט אויף דעם כוס?**

ווייל עס שטייט אין טור אין נאמען פון די ירושלמי אז וויבאלד ברויט האט דאך א חשיבות מער ווי ווין, (ווייל דאסווארט "חטה" שטייט פאר "גפן" אין פסוק) און דא מאכט מען חשוב'ער די ווין, ווייל מען מאכט קידוש (אדער מען הייבט איהם אויף) דערפאר דעקט מען איהם צו, כדי אז ער זאל נישט זעהן ווי ער ווערט פארשעמט.

## דצ"ך עד"ש באח"ב:

ווען מען רעכענט אויס די מכות, גיסט מען אראפ אביסל ווין מיט די בעכער, ביי יעדער מכה. עס זענען דא וואס פירן זיך אראפצוגיסן מיט די קליינע פינגער. די ווין וואס מ'האט אויסגעגאסן, זאל מען נישט טרינקען, נאר אויסגיסן.

**פארוואס גיסט מען אראפ ווין ביי די מכות?**

דער מהרי"ל זאגט: ווייל מיט דעם האבן מיר אינזינען, אז אלע מכות זאלן קומען אויף אונזערע שונאים.

## פסח מצה ומרור

רבן גמליאל זאגט אז ווער עס זאגט נישט די דריי זאכן "פסח מצה ומרור" האט נישט יוצא די מצוה פון סיפור יציאת מצרים

די ווערטער פון רבן גמליאל היה אומר... פסח שהיו...מצה זו... מרור זה... דארף מען פארשטיין וואס מען זאגט. ווייל אנדערש איז מען נישט יוצא די מצוה פון "סיפור יציאת מצרים", וועגן דעם איז וויכטיג אז דער טאטע, זאל מסביר זיין די ווערטער אויף אידיש, אויב עס זענען דא וואס פארשטייען נישט די פשט פון די ווערטער.

ווען מען זאגט "מצה זו" ווייזט מען מיט די פינגער אויף די מצות, און ווען מען זאגט "מרור זה" ווייזט מען מיט די פינגער אויף די מרור, אבער ווען מען זאגט "פסח שהיו" ווייזט מען נישט אויף די זרוע, וואס איז וועגן דעם קרבן פסח, ווייל אויב מען וועט ווייזן מיט די פינגער, וועט אויסזעהן ווי מען איז דאס מקדיש פאר א קרבן פסח.

די בעכער'ס וואס זענען ווייניגער געווארן ביים אראפ גיסן ביי די מכות, זאל מען צוריק אנפילן.

ווען מען קומט אן צו "לפיכך", פארדעקט מען די מצות און מען הייבט אויף דעם כוס, נאכדעם זאגט מען די ערשטע צוויי קאפיטלעך פון הלל וואס רעדן זיך פון יציאת מצרים.

נאך דער ברכה פון "אשר גאלנו", מאכט מען א ברכה "בורא פרי הגפן", און מען טרינקט אויס דעם צווייטע כוס אנגעלאנט.

## רחצה:

מען וואשט זיך די הענט און מען מאכט יא א ברכה "על נטילת ידים".

**פארוואס וואשט מען זיך נאכאמאל די הענט?**

אין די גמרא מסכת פסחים שטייט: ווייל ווען מען האט געזאגט די הגדה האט מען מפסיק געווען, און מען האט מסיח דעת געווען פון צו האלטן ריין די הענט.

# מוציא-מצה:

מען נעמט אלע 3 מצות און מען מאכט א ברכה "המוציא".

דער הייליגער חתם סופר זי"ע שרייבט אז דאס איז די איינציגסטע מצוה וואס איז היינט געבליבן פון עסן, ווייל ווען דער הייליגער בית המקדש איז געשטאנען איז געווען אסאך הייליגע עסן ווי: קרבן פסח, קדשים, תרומה, מעשר, א.א.וו.

ס'שטייט אין הייליגן ספר תפארת שלמה אז די מצה מאכט הייליג די נשמה, און עס העלפט אויך אויף א גאנץ יאר צו קענען זיין אפגעהיטן פונעם יצר הרע.

**פארוואס הייבט מען אויף די דריי מצות בשעת די ברכה פון המוציא?**

ווייל יום טוב דארף מען האבן לחם משנה, צוויי גאנצע מצות, און די מיטלסטע איז דאך צובראכן, הייבט מען אויף אלע דריי, איז דא צוויי גאנצע מצות.

דערנאך לאזט מען אפ די אונטערשטע מצה "ישראל" און מען האלט די אויבערשטע מצה "כהן" מיט די מיטעלסטע צובראכענע מצה "לוי" און מען מאכט א ברכה "על אכילת מצה".

מען נעמט צוויי כזיתים, איינס פון די אויבערשטע, פאר "המוציא", און איינס פון די צובראכענע, פאר "על אכילת מצה", און מען עסט זיי אנגעלאנט, שנעל.

אויב מען קען, זאל מען לכתחלה עסן ביידע כזיתים אין 2 מינוט. עס איז בעסער אויב מען קען אריין נעמען אין מויל ביידע כזיתים אויף איינמאל, און אראפ שלינגען. (פאר קינדער איז גענוג איין כזית, עס איז בעסער אז דאס זאל זיין א שטיקל פון די אויבערשטע מצה וואס מען נוצט פאר לחם משנה)

די מצות דארף מען עסן מיט כוונה, און אינזין האבן אז מען איז מקיים די מצוה פון "בערב תאכלו מצות".

מען טיילט איין פאר יעדעם 2 כזיתים, און אויב עס איז נישט דא גענוג פון די קערה, לייגט מען צו נאך מצות.

**פארוואס עסט מען צוויי כזיתים מצה?**

דער מגן אברהם שרייבט: פון די אויבערשטע מצה עסן מיר א כזית ווייל אויף דעם האט מען געמאכט די ברכה "המוציא" דארף מען לכתחילה עסן א גאנצע כזית, און פון די אינטערשטע מצה עסט מען א כזית ווייל אויף דעם האט מען געמאכט די ברכה "על אכילת מצה".

**פארוואס מאכט מען נישט קיין שהחיינו אויף די מצות?**

דער אבודרהם זאגט: ווייל מען האט שוין יוצא געווען די ברכה פון שהחיינו וואס מען האט געמאכט ביי קידוש.

דער רוקח זאגט: ווייל מען האט שוין יוצא געווען ביי די ברכה פון "אשר גאלנו", ווי מען האט געזאגט "והגיענו הלילה הזה לאכול בו מצה ומרור".

פסח ביינאכט דארף מען נישט איינטינקען די מצה אין זאלץ (אזוי ווי מען טינקט איין חלה אדער ברויט א גאנץ יאר) עס איז דא וואס זיי פירן זיך אז מען טינקט יא איין, אדער מען לייגט ארויף זאלץ אויף די מצה.

## מרור:

מען נעמט א כזית מרור, מען פירט זיך צונעמען א גרינצייג וואס הייסט "חסא" דער הייליגער חתם סופר זי"ע זאגט ווייל עס איז א לשון פון "חס" וואס דאס מיינט רחמנות האבן און מען בעט דער אויבערשטער אז ער זאל שוין רחמנות האבן אויף די אידישע קינדער. און מען מאכט א ברכה "על אכילת מרור". מען עסט דאס נישט אנגעלאנט.

ביי דער ברכה פון "על אכילת מרור" דארף מען אינזין האבן דעם מרור וואס מען וועט עסן ביי "כורך". וועגן דעם זאל מען לכתחלה נישט אויסרעדן פון "רחצה", ביז נאך "כורך".

מען דארף אינזין האבן ביי דעם מרור, פארוואס מיר עסן דאס, דער טעם איז, ווייל די מצריים האבן פארביטערט אונזער לעבן אין מצרים. דעם מרור דארף מען אויך אויפעסן אין 2 מינוט (אזוי ווי די מצה). מען דארף דאס גוט צוקייען, כדי מ'זאל שפירן דעם טעם פון מרור.

מען טונקט איין דעם מרור אין חרוסת, ווייל חרוסת זעהט אויס אזוי ווי ליים. און די אידן האבן געארבעט מיט ליים אין מצרים. מען לייגט אין דעם אריין רויטע וויין, אלץ זכר וואס פרעה האט געשחט'ן אידישע קינדער און זיך געבאדן אין זייער בלוט, מען דארף אבער אפשאקלען די חרוסת פון די מרור, אז עס זאל נישט אוועקנעמען דעם טעם פון די מרור.

# כורך:

מען נעמט א כזית פון די אונטערשטע מצה און א כזית מרור, און מען וויקעלט זיי איין צוזאמען. מען טונקט זיי איין אין חרוסת, און מען זאגט "זכר למקדש כהלל".

ביי "כורך" דארף מען זיך יא אנלאנען.

**פארוואס עסט מען כורך?**

ווייל דער תנא הלל הזקן (וואס ער האט נאך געלעבט אין די צייטן פון די בית המקדש, און ער האט געהאט די זכיה עולה רגל צו זיין און מקריב זיין דעם קורבן פסח), האט געטייטשט דעם דעם פסוק "על מצות ומרורים יאכלהו" אז מען דארף צוזאם לייגן א שטיקל פון קורבן פסח מיט מצה און מרור און אזוי עס עסן, היינט וואס מיר האבן נישט קיין בית המקדש האבן מיר נישט קיין קורבן פסח בלייבט נאר די מצה ומרור וואס מען עסט דאס צוזאמען.

# שולחן עורך:

מען עסט די סעודות יו"ט, מיט שמחה און לויב צום אייבערשטן. מען זאל אכטונג געבן נישט צו עסן צופיהל, כדי מ'זאל נישט זיין זייער זאט ביי דעם אפיקומן.

מען פירט זיך צו עסן א איי איינגעטינקען אין זאלץ וואסער. עס איז דא וואס זיי פירן נישט צו איינטינקען די איי נאר ארויפצוגיסן די זאלץ וואסער אויף די איי.

### פארוואס עסט מען א איי?

דער הייליגער רמ"א שרייבט ווייל אייער איז אן עסענווארג פון טרויעריגע מענטשן. און ווי אויבן דערמאנט, קומט אויס אלעמאהל, אז די סדר נאכט געפאלט די זעלבע נאכט פון די וואך, ווי די נאכט פון תשעה באב, דערפאר זענען מיר מרמז אויף'ן טרויער פון דעם בית המקדש.

און נאך א טעם שרייבט דער הייליגער גר"א אז מען פירט זיך צו עסן אייער אלס א זכר אויף די קורבן חגיגה, וואס מען האט געגעסן פסח ביינאכט.

און נאך א טעם שרייבט דער הייליגער חתם סופר זי"ע, ווייל יעדער עסענווארג וואס מען קאכט, וואס מער עס ווערט געקאכט אלץ מער ווערט דאס ווייכער, אבער אייער איז אנדערש, וואס מער מען קאכט דאס, ווערט דאס אלץ הארטער און הארטער, וועגן דעם עסן מיר אן איי צו ווייזן אז אידן זענען צוגעגליכן צו אן איי, וואס מער מ'פייניגט אונז אלץ שטערקער ווערן מיר, אזוי ווי דער פסוק זאגט אונז, "וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרץ".

אינמיטן די סעודה מעג מען טרינקען אפילו וויין, און אוודאי אנדערע טרינקען, און מען עסט פיש און פלייש לכבוד יו"ט.

## צפון:

מען נעמט ארויס די באהאלטענע אפיקומן, און מען עסט דעם אפיקומן צום סוף סעודה.

### פארוואס עסט מען צוויי כזיתים ביי אפיקומן?

א זכר פון דעם קרבן פסח וואס מ'האט געגעסן ביים סוף סעודה. מען נעמט ארויס דעם אפיקומן, און מען עסט פון דעם צוויי כזיתים. איינס א זכר פאר דעם קרבן פסח, און איינס א זכר פאר די מצה וואס מ'האט מיטגעגעסן מיט דעם קרבן פסח.

און דער מהרי"ל זאגט: ווייל מיר ווילן ארויסווייזן א גרויסע ליבשאפט צו די גרויסע מצוה פונעם אפיקומן, וועגן דעם עסן מיר א דאפלטע שיעור וואס איז צוויי כזיתים.

אויב עס איז שווער איז מען יוצא מיט איין כזית.

**פארוואס רופט מען דעם אפיקומן צפון?**

דער רבי דער דברי יואל זי"ע זאגט: ווייל אין דעם אפיקומן איז באהאלטן די קדושה פונעם קורבן פסח.

**פארוואס גנב'עט מען די אפיקומן?**

דער רבי דער ברך משה זי"ע זאגט ווייל ס'שטייט אז 'בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים', דאס מיינט אז יעדער איינער דארף זיך פארשטעלן איז ער איז געווען אין מצרים און אונז זענען ארויס געגאנעגן פון מצרים, און ס'שטייט "מתחילה עובדי ע"ז היו אבותינו" דאס מיינט אז פון אנהייב האבן אונזערע עלטערן געדינט עבודה זרה, קומט אויס אז מ'דארף זיך פארשטעלן אז מיר האבן זיך אויפגעפירט אזוי ווי די גוים, וועגן דעם גנב'ט מען די אפיקומן וואס אזוי טוען די גוים וואס דינען עבודה זרה.

נאך דעם קרבן פסח, האט מען גארנישט געטארט עסן, כדי עס זאל בלייבן דער טעם פון קרבן פסח אין מויל. וועגן דעם טאר מען אויך גארנישט עסן נאך דעם אפיקומן. (אויב מען מוז טרינקען, זאל מען טרינקען נאר וואסער)

עס זענען דא וואס פירן זיך אוועק צו לייגן א שטיקל פון דעם אפיקומן, און דאס איז א סגולה פאר שמורה.

# ברך:

פארן בענטשן דארף מען אויסשווענקען די בעכער'ס און מען גיסט אן דעם דריטן כוס און מען בענטשט מיט גרויס כוונה, און מען האט אינזין אז מען איז מקיים דער מצוה פון די הייליגע תורה פון "ואכלת ושבעת וברכת את ה' אלקיך".

**פארוואס איז די בענטשן איינע פון די סימני הסדר?**

ווייל ביי ברכת המזון דערמאנען מיר פון יציאת מצרים, ביים פסוק "ועל שהוצאתנו מארץ מצרים" וועגן דעם איז ברכת המזון איינע פון די סימנים פון דעם סדר.

נאכן בענטשן טרינקט מען דעם דריטן כוס אנגעלאנט, און מען מאכט נישט קיין נאך ברכה. צווישן דעם דריטן כוס און דער פערטן כוס, טאר מען גארנישט טרינקען אויסער וואסער.

## כוס של אליהו:

מען גיסט אן דעם "כוס של אליהו".

**פארוואס גרייט מען אן די כוס של אליהו?**

דער גר"א פון ווילנא זאגט: ווייל עס איז דא א מחלוקת אין די פוסקים צו מען דארף טרינקען א פינפטע כוס, און מיר ווארטן אויף אליהו הנביא זאל פסק'נען וואס מען זאל טוהן, וועגן דעם רופט מען די פינפטע כוס "כוס של אליהו".

נאך א טעם: צו ווייזן אז דער אויבערשטער האט אונז אויסגעליזט פון מצרים, אזוי וועט ער אונז אויך אויסלייזן פונעם יעצטיגן גלות און וועט אונז שיקן אליהו הנביא צו מבשר זיין די גוטע בשורה אז משיח גייט שוין קומען.

און נאך א טעם ווייל כוס של אליהו איז קעגן דעם פיפטן לשון פון גאולה, "והבאתי".

**פארוואס עפנט מען די טיר ביי כוס של אליהו?**

דער רמ"א שרייבט: אז אונז מיר ווילן מיט דעם ווייזן, אז די נאכט איז א "ליל שמורים" און מיר האבן נישט קיין מורא פון קיינעם, און די זכות פון אונזער אמונה וועלן מיר געהאלפן ווערן אז משיח וועט קומען בקרוב אונז אויסלייזן.

און נאך א טעם שרייבט דער הייליגער מהר"ל, ווייל אונז ווילן מפרסם זיין אז די גאולה שלימה איז אנגעהאנגען נאר אין די קומען פון אליהו הנביא, וועגן דעם עפנט מען אויף די טיר פאר זיין כבוד און מען גיסט אויך אן א כוס פאר זיין כבוד.

**פארוואס שיקט מען די קינדער עפענען די טיר?**

דער הייליגער בעלזער רב רבי ישכר דוב זי"ע זאגט: אז עס שטייט אין רש"י אז איידער משיח וועט קומען וועט דער אויבערשטער שיקן אליהו הנביא און ער וועט רעדן צו די קינדער מיט א ליבשאפט אז זיי זאלן מקרב זיין זייערע עלטערן צו די וועגן פונעם אויבערשטן ווייל משיח גייט שוין קומען, וועגן שיקט מען די קינדער עפענען די טיר אז ווען אליהו הנביא קומט זאל ער שוין יעצט רעדן צו די קינדער אין די נאכט פון פסח ווען עס איז א עת רצון.

# שפוך חמתך:

מען פירט זיך אויפצושטיין ווען מען מאכט אויף די טיר, און מען זאגט "ברוך הבא", מען זאגט הויך אויפן קול "שפוך חמתך", און נאך דעם פארמאכט מען די טיהר.

# הלל:

מען גיסט אהן דעם פערטן כוס, און מען ענדיגט זאגן הלל זיצענדיג נישט אנגעליינט, מיט שמחה און ערענסטקייט. מען הייבט אהן "לא לנו".

די ערשטע צוויי קאפיטלעך וואס רעדן זיך פון יציאת מצרים, האבן מיר פריער געזאגט פאר די סעודה ביי "מגיד". און די אנדערע קאפיטלעך וואס רעדן זיך וועגן די גאולה שלימה דורך משיח צדקינו, זאגן מיר יעצט מיט אלע אנדערע זאכן וואס רעדן זיך אויך פון דעם ענין.

### פארוואס מאכט מען נישט קיין ברכה אויף הלל?

דער לבוש זאגט: אז א ברכה מאכט מען נאר ווען מען זאגט דאס אויף איינמאל, אבער ביים סדר צוטיילן מיר דאס אויף האלב ווען דעם זאגט מען נישט קיין ברכה.

### פארוואס זאגט מען הלל פסח ביינאכט?

דער הייליגער חתם סופר שרייבט ווייל דעמאלטס זענען די אידן געווען פארשפארט אין זייערע שטובער ווען דער אויבערשטער האט אויסגע'הרג'עט די בכורים אין מצרים, און די אידן האבן דעמאלטס געזאגט הלל, אלס זכר פון דעם זאגן מיר הלל.

ביי הודו לה', זאגט דער בעל הבית א פסוק, און אלע זאגן נאך, אזוי ווי דער בעל תפילה זאגט אין שוהל.

נאכדעם טרינקט מען אויס דעם פערטן כוס, און מען מאכט א נאך ברכה "על הגפן".

## נרצה:

ווער עס טוהט די אלע זאכן, איז באוויליגט פאר דעם אייבערשטן. און מיר בעטן: "לשנה הבאה בירושלים"

ביים סוף סדר, זינגט מען פיוטים און עס איז א גרויסע ענין צו זאגן "שיר השירים". ווער עס האט כח און איז נישט מיד נאכן סדר, זאל לערנען הלכות פסח און ענינים פון יציאת מצרים.

ביי קריאת שמע שעל המטה ליינט מען נאר די ערשטע פרשה, "פון שמע ביז ובשעריך" צו ווייזן אז די נאכט איז א "ליל שימורים".

# פירוש פון הגדה מהר"ט מפראנקפורט

## אויפן פיוט "חד גדיא"

**חד גדיא חד גדיא דזבין אבא בתרי זוזי:** (א וויכוח צווישן א איד און א מצרי) דער טאטע האט געקויפט א ציג (די ע"ז פון די מצריים) פאר זייער א ביליגער פרייז, 2 גילדען. און צו אזא ביליגע זאך בוקן זיך די מצריים.

**רופט זיך אן דער איד:** "פארוואס דינט איר דעם "ציג" וואס קאסט אזוי ווייניג געלט, דינט בעסער די "קאץ" וואס איז שטערקער און קען אויפעסן די ציג". **זאגט דער מצרי:** "גוט, מיר וועלן דינען די קאץ"!

**זאגט דער איד:** "אויב אזוי, דינט בעסער דעם "הינט", וואס ער קען צורייסן די 'קאץ' אויף שטיקער און מאכן א ענדע פון די ע"ז! **ענטפערט דער מצרי:** "גוט, מיר הייבען אהן צו דינען דעם שטארקן הינט"!

**זאגט ווייטער דער איד:** "אויב אזוי, איז שוין בעסער אז איר דינט דעם "שטעקן" וואס קען שלאגן און הרג'נען דעם הינט"... **ענטפערט דער מצרי:** "טאקע גוט, מיר וועלן דינען פאר דעם "שטעקן" וואס האט אין זיך א שטארקן כח, און מיר וועלן זאגן אז דער שטעקן איז אונזער גאט"!

**זאגט ווייטער דער איד:** "אויב אזוי, פארוואס דינט איר נישט דעם "פייער" וואס פארברענט דעם שטעקן און מאכט פון אים אַש"! **זאגט דער מצרי:** "נו גוט, מיר וועלן דינען דעם "פייער" וואס פארברענט דעם שטעקן".

**שפעט פון אים דער איד:** "וואס פאר א גאט איז "פייער", וואס "וואסער" קען איהם פארלעשן? - "וואסער" איז דאך פול שטארקער פון פייער". **ענטפערט דער מצרי:** "זייער פיין, מיר הייבען אהן צו דינען די וואסער".

**פרעגט אים דער איד:** "אויב די וואסער וועט זיין אייער גאט - קען דאך קומען דער "אקס" און איהם אויסטרינקען. איז דאך שוין בעסער אז איר דינט דעם אקס". **זאגט אים דער מצרי:** "גוט, מיר דינען דעם אקס".

**לאכט דער איד:** "וואס פאר א כח האט דער "אקס", עס קומט דער "שוחט" און נעמט זיין מעסער אין האנט און שֶׁחְט אים אפ"... **טראכט דער מצרי:** "שוין, מיר הייבן אן צו דינען דעם שטארקן "שוחט" וואס קען שחט'ן דעם אקס".

**פרעגט אים ווייטער דער איד:** "אויב דער "שוחט" איז אייער גאט ווייל ער קען שחט'ן דעם אקס, - אבער דער שוחט ליגט דאך אין די הענט פון דעם "מלאך המות". ווען דער "מלאך המות" וויל, הרג'ט ער דעם שוחט. איז דאך שוין בעסער צו דינען דעם "מלאך המות"! **זאגט צוריק דער מצרי:** "זייער גוט, פון היינט אהן ווען מיר דינען דעם שטארקן "מלאך המות". ווייל ער איז דער שטערקסטער און קען יעדן הרג'נען!

**רופט זיך אן דער איד:** "דו טיפש וואס דו ביזט"! די אלע שטארקע כוחות וואס געפונען זיך אויף דער וועלט, איז דאך גארנישט קעגן די שטארקע כח פון דעם איין איינציגען באשעפער וואס האט באשאפן די הימל און ערד"! ער מאכט דאך אלעס לעבן און העלפט יעדן איינעם עס איז נישט דא קיין אנדערע גאט אויסער אים".

ווען משיח וועט קומען, וועלן אלע פעלקער איינזעהן אז עס איז טאקע נישט דא נאך א באשעפער אויף דער וועלט אויסער דער אייבערשטער, און זיי וועלן אנהייבן אים צו דינען מיט'ן גאנצן הארץ, במהרה בימנו אמן!.

## די דאווענען פון יו"ט:

מען זאגט ביי שמונה עשרה "יעלה ויבוא" אויב מען האט פארגעסן דארף מען איבערדאווענען פון אנהייב שמונה עשרה.

נאך שמונה עשרה זאגט מען גאנץ הלל.

ביי מוסף ביי די הויכע שמונה עשרה "בענטשט מען טל" און מען הייבט אן צו זאגן "מוריד הטל".

# די דאווענען פון חול המועד:

מוצאי פון די ערשטע טאג יו"ט, זאגט מען ביי שמונה עשרה "אתה חוננתנו" און מען הייבט אן צו זאגן "ותן ברכה", מיט "יעלה ויבוא" אויב מען האט פארגעסן צו זאגן "יעלה ויבוא" דארף מען איבער דאווענען, (נישט אזוי ווי ראש חודש וואס ביינאכט דאוונט מען נישט איבער).

יעדן טאג חול המועד אינדערפרי דאוונט מען שחרית פונקט ווי אינדערוואכן, "מזמור לתודה" זאגט מען נישט.

מען זאגט נישט די גאנצע הלל.

מוסף דאוונט מען יעדן טאג חול המועד פון יו"ט.

## הקרבת העומר

דעם זעכצענסטער טאג פון ניסן (דעם צווייטן טאג פסח), האט מען מקריב געווען דעם עומר. די מנחת העומר איז געברענגט געווארן פון די נייע תבואה וואס האט געצייטיגט דאס יאר. מען האט עס געשניטן די נאכט פאר די זעכצענסטער טאג און מקריב געווען בייטאג, די תורה רופט אהן די מנחה "מנחת בכורים" ווייל בכורים איז טייטש ערשט געצייטיגט. דער מנחה איז א "קרבן ציבור" דאס הייסט אז גאנץ כלל ישראל האט א חלק אין דעם. דער מנחה ווערט געברענגט פון "שעורים" (גערשטן מעהל) און נישט פון "חטה" אזוי ווי אלע אנדערע מנחות.

ביים שניידן די עומר האט מען געמאכט א גרויסן עסק דערפון. פון איבעראל איז מען געקומען צום פלאץ ווי די שלוחים פון בית דין האבן געשניטן דעם עומר, כדי מיט דעם צו ווייזן אז ווען די תורה זאגט אז מען זאל ברענגען דעם עומר "ממחרת השבת" מיינט דאס דעם צווייטן טאג יום טוב, אנדערש ווי די צדוקים פלעגן זאגן אז דאס מיינט, נאך שבת (זונטאג).

ווי לאנג מען האט נישט געשניטן דעם עומר, האט קיינער נישט געטארט שניידן די תבואה אין זייער אייגענע פעלדער, אזוי ווי די פסוק זאגט "ראשית קצירכם".

אין די הייליגע תורה שטייט: "ולחם וקלי וכרמל לא תאכלו עד עצם היום הזה" כדי צו פארשטיין דעם פסוק וועלן מיר מקדים זיין א שטיקל הקדמה וועגן דעם איסור דאורייתא פון עסן "חדש".

די תורה אסר'ט צו עסן נייע תבואה פון איינע פון די פינעף סארט דגן וואס זיי זענען: 1) חטה 2) שעורה 3) כסמין 4) שיפון 5) שבולת שועל, איידער מען האט מקריב געווען דעם עומר.

ווען מען שנייט אראפ די תבואה, איז עס פייכט, מען קען דאס נאכנישט עסן, מען פלעגט דאס אויסלייגן אין די שייער, און דארט האט זיך עס אויסגעטריקענט א גאנצע זומער, (ווייל אין ארץ ישראל רעגנט נישט זומער צייט) און סוכות האט מען עס אריינגענומען, און דעמאלס האט מען עס שוין געקענט מאלן. ווען מען האט געברענגט די צווייטע טאג פסח די עומר, פון שעורים, און אויך שבועות ווען מען האט געמאכט די שתי הלחם פון חטה, איז דאס דאך ערשט פארטיג געווארן צו וואקסן, דערפאר איז עס געווען פייכט, און מען האט נישט געקענט מאכן דערפון קיין מעהל, דערפאר האט מען דאס צום ערשט אויסגעטריקנט אין אן אויוון, און דערנאך האט מען געקענט מאכן דערפון מעל.

דער תבואה וואס מען האט אפגעשניטן ווערט אנגערופן "חדש", און דאס האט די תורה גע'אסר'ט. נאכדעם וואס מען איז מקריב דעם עומר אין דעם בית המקדש, מעג מען עסן פון די תבואה.

ווען די ביהמ"ק איז געשטאנען האט מען נישט געטארט עסן פון "חדש", ביז מען האט מקריב געווען דעם קרבן העומר. אבער ווען עס איז נישט דא קיין בית המקדש, איז מן התורה מותר באלד אין אנהייב פון דעם טאג.

דאס מיינט דער פסוק "ולחם וקלי וכרמל" די תבואה פון די פינעף סארט דגן "לא תאכלו עד עצם היום הזה" זאל מען נישט עסן ביז דעם טאג. דאס איז ווען עס איז נישט דא קיין בית המקדש, און ווען עס איז יא דא א בית המקדש זאגט ווייטער די פסוק: "עד הביאכם את קרבן אלוקיכם", ביז נאכן מקריב זיין דעם עומר. אבער פון ווען די בית המקדש איז חרוב געווארן האט ר' יוחנן בן זכאי מתקן געווען, אז מען זאל נישט עסן פון די נייע תבואה ביז ביינאכט. ווייל טאמער די בית המקדש וועט ווערן אויפגעבויעט, וועלן מענטשן זאגן אז די פאריגע יאר האבן אונז אויך געגעסן גלייך אינדערפרי פון די נייע תבואה. (אזוי ווי אונז האבן געלערנט אין די משנה התקין רבי יוחנן בן זכאי שיהא יום הנף כולו אסור)

# ספירת העומר:

מוצאי יו"ט הייבט מען אן צו ציילן "ספירת העומר".

מיר פסק'ענען אז היינטיגע צייטן איז ספירת העומר נאר פון דרבנן. די חכמים האבן דאס מתקן געווען אלץ א זֵכֶר פון דעם וואס מען פלעגט ציילן די טעג פון די טאג וואס מען האט געברענגט דעם "עומר" ביז שבועות. (דעם טאג וואס מען האט געברענגט דעם שתי הלחם)

איידער מען מאכט די ברכה דארף מען וויסן וועלכע טאג מען ציילט היינט. און מען טאר זיך נישט פארלאזן אויף דעם וואס מען וועט הערן וואס א צווייטער וועט ציילן.

באלד ווען עס ווערט נאכט טאר מען נישט ארויס זאגן דעם טאג פון די ספירה. און אויב א חבר פרעגט וועלכער טאג אין ספירה היינט איז, זאל מען נישט ארויס זאגן אז היינט איז אזוי פיל, נאר מ'זאל זאגן אז נעכטן איז געווען אזויפיל.

אויב מ'האט פארגעסן צו ציילן ביינאכט זאל מען ציילן בייטאג אן א ברכה, און אין די אנדערע נעכט קען מען ציילן מיט א ברכה. אבער אויב מ'האט אויך בייטאג פארגעסן צו ציילן, דעמאלסט מוז מען ציילן אלע נעכט, אן א ברכה.

וויבאלד עס שטייט "וספרתם לכם" לערנט מען ארויס אז ספירת העומר דארף יעדער מענטש ציילן, אנדערש ווי ביי "יובל" וואס דאס איז נאר א מצוה פאר בית דין צו ציילן.

אין די מצוה פון ספירה איז דא 2 מצות, ציילן די טעג, און ציילן די וואכן, ווייל עס שטייט אין פסוק סיי "שבע שבתות" דאס איז די וואכן, "חמשים יום" וואס דאס איז די טעג, וועגן דעם ציילן מיר סיי די טעג אין סיי די וואכן.

נאך ספירה ציילן, זאגן מיר הרחמן הוא יחזיר לנו עבודת בית המקדש וכו' ווייל היינט איז דאך ספירת העומר נאר מדרבנן, בעטן מיר אז דער בית

המקדש זאל ווערן אויפגעבויעט, און מיר זאלן קענען מקיים זיין די מצוה מן התורה.

## סעודת אסתר:

עס ווערט געברענגט אין שולחן ערוך, אז עס איז דא א מנהג אז דעם צווייטן טאג פסח (דעם ערשטן טאג חול המועד) ביים די סעודה מאכט מען א זכר צום "סעודת אסתר" וואס איז געווען אינ'ם צווייטן טאג פסח, און אין יענעם טאג האט המן הרשע געהאט זיין מפלה. אסאך פירן זיך אז מען ברענגט אריין א עקסטערע קוגל, און מען זינגט "שושנת יעקב".

## שבת חול המועד:

מען דאווענט די שבת'דיגע דאווענען ביי קבלת שבת הייבט מען אן "מזמור לדוד (נישט ווי יעדע וואך וואס מען הייבט אן לכו נרננה) און מען זאגט "יעלה ויבוא".

פארן ליינען שבת אינדערפרי זאגט מען "שיר השירים" מוסף דאווענט מען פון יו"ט און מען לייגט צו פון שבת.

## שביעי של פסח:

שביעי של פסח נאך די סעודה קומען אלע אין בית המדרש צו זינגען די "שירת הים" ווייל אין יענע נאכט איז געשפאלטן געווארן דעם ים.

אין די גמרא אין מסכת סוטה (דף ל' ע"ב) ווערט געברענגט א מחלוקת פון תנאים ווי אזוי משה רבינו מיט די אידישע קינדער האבן געזאגט שירה ביים ים סוף.

רבי עקיבא זאגט אז משה האט פארגעזאגט די ווערטער "אשירה לה'", און די אידן האבן נאכגעזאגט אשירה לה', משה האט ווייטער געזאגט "כי גאה גאה", און די אידן האבן געענטפערט נאכאמאל אשירה לה', משה האט ווייטער געזאגט סוס ורכבו רמה בים, און די אידן האבן געענטפערט אשירה לה', און אזוי ווייטער ביי יעדע ענין וואס משה האט געזאגט האבן די אידן געענטפערט אשירה לה'.

ר' אליעזר דער זוהן פון רבי יוסי הגלילי זאגט אז די אידן האבן נאכגעזאגט אלעס וואס משה האט געזאגט, משה האט געזאגט אשירה לה' און די אידן האבן געזאגט אשירה לה', משה האט געזאגט כי גאה גאה, און די אידן האבן געענטפערט כי גאה גאה, משה האט געזאגט סוס ורוכבו רמה בים און די אידן האבן געענטפערט סוס ורוכבו רמה בים.

רבי נחמי' זאגט אז די אידן האבן אלעס געזאגט אינאיינעם מיט משה רבינו, און זיי האבן אלעס צוגעטראפן מיט רוח הקודש די זעלבע ווערטער.

אין מדרש רבה שטייט (שמו"ר כ"ג): אז משה האט אליין געזונגען די גאנצע שירה, און נאכדעם האבן עס די אידן איבערגעזונגען.

דער הייליגער חתם סופר זאגט אז זיי האבן געזאגט צוויי מאל שירה, איינמאל אין ים און איינמאל ביים ארויס גיין פון ים, דער רבי דער דברי יואל זי"ע לייגט צו צו דעם אז אין ים האט יעדער שבט געזאגט עקסטער, און אינדרויסן האבן אלע אידן געזאגט צוזאמען.

# שיינע געדאנקען

## אויף הגדה של פסח - שביעי של פסח

**מה נשתנה הלילה הזה:** פארוואס פרעגט מען "מה נשתנה" יעצט אין יו"ט פסח ווען מען נעמט ארויס די טייערע זילבערנע און גאלדענע כלים, יו"ט סוכות איז מען אסאך מער משנה מ'גייט ארויס פון די שטוב אין די סוכה אריין, דעמאלטס פרעגט מען נישט "מה נשתנה"? נאר מען קען ענטפערן, ווייל אז מען גייט ארויס פון די שטוב און מען גייט אריין אין א צייטווייליגע דירה, דאס איז דער סדר פון א איד אין גלות, אבער אז מען זעצט זיך מיט שיינע טייערע כלים דאס איז דער סדר פון א פריץ נישט פון א איד, וועגן דעם פרעגט מען פסח ביינאכט "מה נשתנה".

(הפלא"ה)

**מוזגין כוס שני וכאן הבן שואל:** דא קען זיך א איד אלעס אויסבעטן פון זיין טאטן אין הימל, ברוחניות ובגשמיות, ווייל די נאכט איז מסוגל משפיע צו זיין אז ער זאל זוכה זיין צו באקומען אלעס גוטס פונעם הייליגן באשעפער, אפילו ווען ער בעט דאס נישט מיטן מויל.

(בית אהרן)

**מה נשתנה הלילה הזה מכול הלילות... הלילה הזה כולו מצה:** די קשיא גייט ארויף אויף די היינטיגע גלות. "פארוואס איז אנדערש די היינטיגע גלות פון די אנדערע גלויות, וואס דויערט עס אזוי לאנג"? – דער תירוץ אויף דעם איז, ווייל: "הלילה הזה כולו מצה", – די היינטיגע גלות איז פוהל מיט קריגערייען און שנאת חינם ("מצה" איז א לשון פון קריגן). און די ביטערע זאך פון מחלוקת פארלענגערט דעם גלות און האלט צוריק משיח פון קומען.

(עוללות אפרים)

**אמר ר' אלעזר בן עזרי' הרי אני כבן שבעים שנה ולא זכיתי שתאמר יציאת מצרים בלילות:** דער ענין איז, אז ווען עס געשעהט פאר א מענטש א גרויסע נס, באקומט ער שטארקע אמונה און אויבערשטן, און ער גלייבט אין אלע ניסים, אזוי אויך רבי אלעזר בן עזרי' ווען עס איז אים געשעהן א גרויסע נס אז עס איז אים ארויס געוואקסן א ווייסע

בארד, האט ער געוואלט מען זאל דערמאנען אלע אנדערע ניסים וואס דער באשעפער האט געטוהן, ממילא האט ער זייער געוואלט מען זאל זאגן יציאת מצרים אויך ביינאכט.

(ברך משה)

**מעשה ברבי אליעזר ורבי יהושוע ורבי אלעזר בן עזרי' ורבי עקיבא ורבי טרפון שהיו מסובין וכו':** דער בעל ההגדה וויל דא לאזן הערן א חידוש: אז כאטש די תנאים'ס עלטערן האבן נישט געארבעט אין מצרים, דאך האבן זיי מקיים געווען די מצווה פון סיפור יציאת מצרים. רבי אליעזר איז געווען א כוהן – ר' יהושוע איז געווען א לוי, – ר' אליעזר בן עזרי' און ר' טרפון זענען אויך געווען כוהנים, – און עס איז באקאנט אז שבט לוי האט נישט געארבעט אין מצרים, – רבי עקיבא'ס עלטערן האבן אויך נישט געארבעט אין מצרים ווייל ער שטאמט דאך פון גרים. וואלט געווען א סברא אז זיי דארפן נישט אזוי שטארק מאריך זיין אין מצות סיפור יציאת מצרים, פונדעסט וועגן זענען זיי געזעצן א גאנצע נאכט און דערציילט די ניסים פון יציאת מצרים.

(ערוגת הבושם)

**חכם מה הוא אומר, רשע מה הוא אומר:** אויב מען וויל וויסן אויב א מענטש איז א חכם, דארף מען קוקען ווי אזוי ער רעדט. א חכם רעדט שטענדיג נאר קלוגע און שיינע רייד. דאס זעלבע איז ביי א רשע. עס דערקענט זיך אין זיינע רייד וואס ער איז. "חכם" – "מה הוא אומר" – א חכם דערקענט מען פון וואס ער רעדט. "רשע" – "מה הוא אומר" – און א רשע דערקענט מען פון וואס ער רעדט.

(רבי ר' ברוך מעזבוזש'ער זי"ע)

**רשע מה הוא אומר מה העבודה הזאת לכם:** דער רשע פרעגט פון זיינע עלטערן: עסן דעם קורבן פסח דארפט איהר טאקע אליין, אבער פארוואס פלאגט איהר זיך מיטן שחט'ן און בראטן, – דאס וואלט מען דאך געקענט הייסן די קנעכט צו טוהן? "מה העבודה הזאת לכם"?! – פארוואס דארפט איהר אזוי שווער ארבעטן, ווען איהר קענט באפעהלן אנדערע דאס צו טוהן? אויף דעם זאלט איהר איהם ענטפערן: ווען דער אייבערשטער איז אראפ געקומען קיין מצרים ביי מכת בכורות צו ראטעווען די אידישע בכורים, וואלט ער דאס אויך געקענט טוהן דורך א שליח.

אבער ער האט דאס אליין געטוהן, – דערפאר טוהן מיר אויך אלעס אליין!

(כתב סופר)

**רשע מה הוא אומר מה העבודה הזאת לכם:** אין זוהר הק' שטייט אז א מצווה וואס מען באצאלט נישט פאר דעם קיין געלט טוהען די שלעכטע מלאכים דאס צונעמען חלילה, און נישט נאר מיט געלט דארף זיין די מצווה נאר אויך מיט א טירחא דגופא דאס מיינט אז מען דארף ארבעטן פאר דעם, מיט דעם קען זיין פשט אויף די שאלה פון דעם רשע "מה 'העבודה' הזאת לכם" ער זעהט אז מען טוהט אזוי פיל השתדלות מיטן גוף צום יו"ט פסח, דאס איז א עבודה וואס אידן טועהן פארן יו"ט פסח צו אויסרוימען דעם חמץ, פרעגט ער, מען האט זיך שוין געלאזט קאסטן אזוי פיל געלט איז פארוואס דארף מען נאך שוויצן מיטן גוף, וועגן דעם ענטפערט מען אים, "ואמרתם זבח פסח הוא לה'" אז די עבודה וואס מיר טועהן מיטן גוף איז וועגן וואס מיר ווילן אז אונזערע מצוות זאל חלילה נישט ווערן צוגעכאפט, נאר זיי זאלן ארויפגיין צום אויבערשטן. (כ"ק מרן רבינו שליט"א)

**ואף אתה הקהה את שיניו:** פארוואס זאל מען געבן פאר דעם רשע פונקט דעם שטראף פון אויסהאקן זיינע ציין? נאר דער עניין איז, אז דער רשע טענה'ט אז מען קען דינען דעם באשעפער נאר מיט דאווענען און לערנען. אבער אז מען קען דינען דעם באשעפער אויך מיט עסן און טרינקן און אנדערע זאכן, – פון דעם האלט ער נישט. דערפאר פרעגט דער רשע: "מה העבודה הזאת לכם"? – צו וואס דארפט איהר די גאנצע עבודה פון עסן מצה, מרור און טרינקען וויין? דאס איז בכלל נישט אנגענומען ביי דעם אייבערשטן"! זאגט דער בעל ההגדה: "ואף אתה הקהה את שיניו" – אויב ביי דיר איז נישט דא קיין עבודה פאר דעם באשעפער דורך עסן און טרינקן, דאן דארפסטו נישט האבן קיין ציין!! (עבודת ישראל)

**ואילו לא הוציא הקב"ה את אבותינו ממצרים, משועבדים היינו לפרעה:** מען קען זאגן אז דער בעל הגדה וויל לויבן די אידן, אז אפילו זיי האבן געקענט ארויסלויפן, פונדעסטוועגן וויבאלד דער באשעפער האט זיי נישט ארויסגעצויגן, זענען זיי נישט ארויסגעגאנגען, און א ראי' האסטו ביי די מכה פון חושך האבן זיי געקענט

ארויסגיין און זיי זענען נישט ארויס, דאס איז מרמז אין די ווערטער "ואילו לא הוציא" טאמער דער אויבערשטער וואלט נישט ארויסגעצויגן "משועבדים היינו" וואלטן מיר דארט געבליבן, אפילו מיר האבן געקענט אנטלויפן. (דברי יואל)

## שביעי של פסח

**בקשו מלאכי השרת לומר שירה:** די גמ' דערציילט אז בשעת קריעת ים סוף האבן די מלאכים געוואלט זאגן שירה, און דער אייבערשטער האט זיי געזאגט "ווען מיינע מענטשן וואס איך האב באשאפן האבן זיך דערטרונקען אין ים זאגט עטס שירה?". לכאורה דארף מען פארשטיין, די מצריים זענען דאך דערטרונקען געווארן באשמורת הבקר, נאנט צום טאג, און די מלאכים האבן געוואלט זאגן שירה ביינאכט, איז דאך דאס געווען פאר די מצרים זענען דערטרונקען געווארן, פארוואס שטייט א לשון וואס איז משמע אז זיי האבן הערשט געוואלט זאגן שירה נאכן דערטרונקען זיך? בכלל דארף מען פארשטיין, מיר ווייסן דאך "באבוד רשעים רנה" פארוואס האט דער אייבערשטער דא נישט געלאזט זיך פרייען ווען די מצרים זענען אומגעקומען.

ענטפערט הרה"ק רבי ר' שמעלקא מניקעלסבורג זי"ע (אזוי אויך שטייט אין ספר חנוכת התורה פון רבי'ן ר' העשיל מקראקא זי"ע) אז די גמרא זאגט אז ביי די מלחמה מיט סנחריב איז זיין מיליטער געשטארבן דורכדעם וואס זיי האבן געהערט דעם קול שירה פון די מלאכים. אויך זאגן חז"ל אז די מצריים זענען דערטרונקען געווארן אין ים סוף, מדה כנגד מידה וואס זיי האבן אריינגעווארפן אידישע קינדער אין ים סוף.

מיט דעם שטימט שוין די גמ', בקשו מלאכי השרת לומר שירה די מלאכים האבן געוואלט אז די מצריים זאלן שטארבן דורך דעם קול שירה אזוי ווי דער מיליטער פון סנחריב. אויף דעם האט דער אייבערשטער געזאגט מעשי ידי טבעו בים, די מצרים האבן דאך דערטרונקען די אידישע קינדערלעך אין וואסער, ממילא מוזן זיי דאך באקומען אן עונש מידה כנגד מידה, און זיי דארפן דערטרונקען ווערן דורכן וואסער און נישט דורך שירה.

**ובני ישראל הלכו ביבשה בתוך הים:** דער הייליגער רבי ר' שמעלקא ניקעלסבורגער זי"ע פלעגט זיך קיינמאל נישט אריינלייגן אין א בעט, ער פלעגט נאר דרימלען אויפן בענקל, איינמאל

ווען דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע איז געווען ביי רבי ר' שמעלקא, האט ער אים צוגעגרייט דאס בעט, און ער האט דורך פארשידענע וועגן געפועל'ט ביי אים אז ער זאל זיך אראפלייגן.

יענע נאכט האט זיך דער רבי ר' שמעלקא געהעריג אויסגערוהט אזוי אז דעם קומענדיגן טאג ווען ער האט געזאגט די שירה האט ער זיך אונטערגעהויבן די קליידער, ווייל עס האט זיך אים געדוכט אז ער גייט אריבער דעם ים סוף. (פארט האט ער זיך אבער ווייטער אויך נישט געלייגט אין בעט)

האט דער רבי ר' הערשעלע ליסקער זי"ע געטייטשט דעם פסוק "ובני ישראל הלכו ביבשה בתוך הים" אידישע קינדער זענען געווען אין אזא מדריגה, אז אפילו ווען זיי זענען געגאנגען אין די טרוקעניש, זיי זענען בכלל נישט געווען ביים ים סוף האט זיך זיי געדוכט אז זיי גייען אריבער דעם ים סוף.

**נורא תהילות:** דער הייליגער רבי ר' זושא זללה"ה האט איינמאל געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל האבן יראת שמים אזוי ווי א מלאך, און מען האט אים נאכגעגעבן זיין בקשה.

ווען ער האט זיך געשטעלט דאווענען די שמונה עשרה און ער האט געזאגט "ברוך" איז ער אראפגעפאלן אויף דער ערד אין חלשות פאר פחד און יראה פונעם

אייבערשטן, האט ער דאן געזעהן אז עס איז אוממעגליך פאר א מענטש צו האבן יראה ווי א מלאך, ווייל ס'איז נישט מעגליך אזוי צו דאווענען און דינען דעם אייבערשטן.

האט מיט דעם געטייטשט הרה"ק ר' שמעון יערעסלאווער זי"ע: נורא תהילות, כאטש דער אייבערשטער איז נורא, תהילות, דאך איז דאס אויף אזא מדריגה אז מיר זאלן נאך קענען דאווענען און אים לויבן.

# ניגונים לפסח

## אֶחָד מִי יוֹדֵעַ

**בניגון של הרה"ח ר' יחזקאל פייערווערגער ז"ל**
מלמד במוסדותינו רבות בשנים

**אֶחָד מִי יוֹדֵעַ אֶחָד אֲנִי יוֹדֵעַ:** אֶחָד אֱלֹקֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ.

**שְׁנַיִם מִי יוֹדֵעַ שְׁנַיִם אֲנִי יוֹדֵעַ:** שְׁנֵי לֻחוֹת הַבְּרִית, אֶחָד אֱלֹקֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ:

**שְׁלֹשָׁה מִי יוֹדֵעַ שְׁלֹשָׁה אֲנִי יוֹדֵעַ:** שְׁלֹשָׁה אָבוֹת, שְׁנֵי לֻחוֹת הַבְּרִית, אֶחָד אֱלֹקֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ:

**אַרְבַּע מִי יוֹדֵעַ אַרְבַּע אֲנִי יוֹדֵעַ:** אַרְבַּע אִמָּהוֹת, שְׁלֹשָׁה אָבוֹת, שְׁנֵי לֻחוֹת הַבְּרִית, אֶחָד אֱלֹקֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ:

**חֲמִשָּׁה מִי יוֹדֵעַ חֲמִשָּׁה אֲנִי יוֹדֵעַ:** חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה, אַרְבַּע אִמָּהוֹת, שְׁלֹשָׁה אָבוֹת, שְׁנֵי לֻחוֹת הַבְּרִית, אֶחָד אֱלֹקֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ:

**שִׁשָּׁה מִי יוֹדֵעַ שִׁשָּׁה אֲנִי יוֹדֵעַ:** שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה, אַרְבַּע אִמָּהוֹת, שְׁלֹשָׁה אָבוֹת, שְׁנֵי לֻחוֹת הַבְּרִית, אֶחָד אֱלֹקֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ:

**שִׁבְעָה מִי יוֹדֵעַ שִׁבְעָה אֲנִי יוֹדֵעַ:** שִׁבְעָה יְמֵי שַׁבַּתָּא, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה, אַרְבַּע אִמָּהוֹת, שְׁלֹשָׁה אָבוֹת, שְׁנֵי לֻחוֹת הַבְּרִית, אֶחָד אֱלֹקֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ:

**שְׁמוֹנָה מִי יוֹדֵעַ שְׁמוֹנָה אֲנִי יוֹדֵעַ:** שְׁמוֹנָה יְמֵי מִילָה, שִׁבְעָה יְמֵי שַׁבַּתָּא, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה, אַרְבַּע אִמָּהוֹת, שְׁלֹשָׁה אָבוֹת, שְׁנֵי לֻחוֹת הַבְּרִית, אֶחָד אֱלֹקֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ:

**תִּשְׁעָה מִי יוֹדֵעַ תִּשְׁעָה אֲנִי יוֹדֵעַ:** תִּשְׁעָה יַרְחֵי לֵדָה, שְׁמוֹנָה יְמֵי מִילָה, שִׁבְעָה יְמֵי שַׁבַּתָּא, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה, אַרְבַּע אִמָּהוֹת, שְׁלֹשָׁה אָבוֹת, שְׁנֵי לֻחוֹת הַבְּרִית, אֶחָד אֱלֹקֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ:

**עֲשָׂרָה מִי יוֹדֵעַ עֲשָׂרָה אֲנִי יוֹדֵעַ:** עֲשָׂרָה דִבְּרַיָּא, תִּשְׁעָה יַרְחֵי לֵדָה, שְׁמוֹנָה יְמֵי מִילָה, שִׁבְעָה יְמֵי שַׁבַּתָּא, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה, אַרְבַּע אִמָּהוֹת, שְׁלֹשָׁה אָבוֹת, שְׁנֵי לֻחוֹת הַבְּרִית, אֶחָד אֱלֹקֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ:

**אַחַד עָשָׂר מִי יוֹדֵעַ אַחַד עָשָׂר אֲנִי יוֹדֵעַ:** אַחַד עָשָׂר כּוֹכְבַיָּא, עֲשָׂרָה דִבְּרַיָּא, תִּשְׁעָה יַרְחֵי לֵדָה, שְׁמוֹנָה יְמֵי מִילָה, שִׁבְעָה יְמֵי שַׁבַּתָּא, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה, אַרְבַּע אִמָּהוֹת, שְׁלֹשָׁה אָבוֹת, שְׁנֵי לֻחוֹת הַבְּרִית, אֶחָד אֱלֹקֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ:

**שְׁנֵים עָשָׂר מִי יוֹדֵעַ שְׁנֵים עָשָׂר אֲנִי יוֹדֵעַ:** שְׁנֵים עָשָׂר שִׁבְטַיָּא, אַחַד עָשָׂר כּוֹכְבַיָּא, עֲשָׂרָה דִבְּרַיָּא, תִּשְׁעָה יַרְחֵי לֵדָה, שְׁמוֹנָה יְמֵי מִילָה, שִׁבְעָה יְמֵי שַׁבַּתָּא, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה, אַרְבַּע אִמָּהוֹת, שְׁלֹשָׁה אָבוֹת, שְׁנֵי לֻחוֹת הַבְּרִית, אֶחָד אֱלֹקֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ:

**שְׁלֹשָׁה עָשָׂר מִי יוֹדֵעַ שְׁלֹשָׁה עָשָׂר אֲנִי יוֹדֵעַ:** שְׁלֹשָׁה עָשָׂר מִדַּיָּא, שְׁנֵים עָשָׂר שִׁבְטַיָּא, אַחַד עָשָׂר כּוֹכְבַיָּא, עֲשָׂרָה דִבְּרַיָּא, תִּשְׁעָה יַרְחֵי לֵדָה, שְׁמוֹנָה יְמֵי מִילָה, שִׁבְעָה יְמֵי שַׁבַּתָּא, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה, אַרְבַּע אִמָּהוֹת, שְׁלֹשָׁה אָבוֹת, שְׁנֵי לֻחוֹת הַבְּרִית, אֶחָד אֱלֹקֵינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ:

☆ ☆ ☆

**מַה נִּדְבַּר וּמַה נְּסַפֵּר אוֹי וויי טאַטע זיסער ווער קען רעכענען און ווער קען ציילן וואס איינס באַדייט:**

איינס איז דער באַשעפער דער באַשעפער איז איינער און מער איז קיינער.

**מַה נִּדְבַּר וּמַה נְּסַפֵּר אוֹי וויי טאַטע זיסער ווער קען רעכענען און ווער קען ציילן וואס צוויי באַדייט:**

צוויי זענען די לוחות איינס איז דער באַשעפער דער באַשעפער איז איינער און מער איז קיינער.

**מַה נִּדְבַּר וּמַה נְּסַפֵּר אוֹי וויי טאַטע זיסער ווער קען רעכענען און ווער קען ציילן וואס דריי באַדייט:**

דריי זענען די אָבות צוויי זענען די לוחות איינס איז דער באַשעפער דער באַשעפער איז איינער און מער איז קיינער.

**מַה נִּדְבַּר וּמַה נְּסַפֵּר אוֹי וויי טאַטע זיסער ווער קען רעכענען און ווער קען ציילן וואס פיר באַדייט:**

פיר זענען די אִמָהוֹת דריי זענען די אָבות צוויי זענען די לוחות איינס איז דער באַשעפער דער באַשעפער איז איינער און מער איז קיינער.

**מַה נִּדְבַּר וּמַה נְּסַפֵּר אוֹי וויי טאַטע זיסער ווער קען רעכענען און ווער קען ציילן וואס פינעף באַדייט:**

פינעף זענען די חֻמָּשִׁים פיר זענען די אִמָהוֹת דריי זענען די אָבות צוויי זענען די לוחות איינס איז דער באַשעפער דער באַשעפער איז איינער און מער איז קיינער.

**מַה נְּדַבֵּר וּמַה נְּסַפֵּר אוֹי וַויי טַאטֶע זִיסֶער וֶוער קֶען רֶעכֶענֶן און וֶוער קֶען צֵיילְן וָואס זֶעקְס בַּאדֵייט:**

זֶעקְס זֶענֶען דִי מִשְׁנָיוֹת פִּינֶעף זֶענֶען דִי חֻמָּשִׁים פִּיר זֶענֶען דִי אִמָּהוֹת דְרַיי זֶענֶען דִי אָבוֹת צְוַויי זֶענֶען דִי לוּחוֹת אֵיינְס אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז אֵיינֶער און מֶער אִיז קֵיינֶער.

**מַה נְּדַבֵּר וּמַה נְּסַפֵּר אוֹי וַויי טַאטֶע זִיסֶער וֶוער קֶען רֶעכֶענֶן און וֶוער קֶען צֵיילְן וָואס זִיבְּן בַּאדֵייט:**

זִיבְּן טֶעג פוּן דִי וָואךְ זֶעקְס זֶענֶען דִי מִשְׁנָיוֹת פִּינֶעף זֶענֶען דִי חֻמָּשִׁים פִּיר זֶענֶען דִי אִמָּהוֹת דְרַיי זֶענֶען דִי אָבוֹת צְוַויי זֶענֶען דִי לוּחוֹת אֵיינְס אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז אֵיינֶער און מֶער אִיז קֵיינֶער.

**מַה נְּדַבֵּר וּמַה נְּסַפֵּר אוֹי וַויי טַאטֶע זִיסֶער וֶוער קֶען רֶעכֶענֶן און וֶוער קֶען צֵיילְן וָואס אַכְט בַּאדֵייט:**

אַכְט טֶעג פוּן בְּרִית מִילָה זִיבְּן טֶעג פוּן דִי וָואךְ זֶעקְס זֶענֶען דִי מִשְׁנָיוֹת פִּינֶעף זֶענֶען דִי חֻמָּשִׁים פִּיר זֶענֶען דִי אִמָּהוֹת דְרַיי זֶענֶען דִי אָבוֹת צְוַויי זֶענֶען דִי לוּחוֹת אֵיינְס אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז אֵיינֶער און מֶער אִיז קֵיינֶער.

**מַה נְּדַבֵּר וּמַה נְּסַפֵּר אוֹי וַויי טַאטֶע זִיסֶער וֶוער קֶען רֶעכֶענֶן און וֶוער קֶען צֵיילְן וָואס נַיין בַּאדֵייט:**

נַיין זֶענֶען דִי לֵידָה אַכְט טֶעג פוּן בְּרִית מִילָה זִיבְּן טֶעג פוּן דִי וָואךְ זֶעקְס זֶענֶען דִי מִשְׁנָיוֹת פִּינֶעף זֶענֶען דִי חֻמָּשִׁים פִּיר זֶענֶען דִי אִמָּהוֹת דְרַיי זֶענֶען דִי אָבוֹת צְוַויי זֶענֶען דִי לוּחוֹת אֵיינְס אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז אֵיינֶער און מֶער אִיז קֵיינֶער.

**מַה נְּדַבֵּר וּמַה נְּסַפֵּר אוֹי וַויי טַאטֶע זִיסֶער וֶוער קֶען רֶעכֶענֶן און וֶוער קֶען צֵיילְן וָואס צֶען בַּאדֵייט:**

צען זענען די דִּבְּרוֹת ניין זענען די לֵידָה אַכְט טעג פון בְּרִית מִילָה זיבן טעג פון די וואך זעקס זענען די מִשְׁנָיוֹת פינעף זענען די חֻמָּשִׁים פיר זענען די אִמָהוֹת דְרַיי זענען די אָבוֹת צְווייי זענען די לוּחוֹת איינס איז דער באשעפער דער באשעפער איז איינער און מער איז קיינער.

## מַה נִּדְבַּר וּמַה נְּסַפֵּר אוֹי ווייי טאטע זיסער ווער קען רעכענען און ווער קען ציילן וואס עלעוו באדייט:

עלעוו זענען די שְׁטֶערְן׳ס צען זענען די דִּבְּרוֹת ניין זענען די לֵידָה אַכְט טעג פון בְּרִית מִילָה זיבן טעג פון די וואך זעקס זענען די מִשְׁנָיוֹת פינעף זענען די חֻמָּשִׁים פיר זענען די אִמָהוֹת דְרַיי זענען די אָבוֹת צְווייי זענען די לוּחוֹת איינס איז דער באשעפער דער באשעפער איז איינער און מער איז קיינער.

## מַה נִּדְבַּר וּמַה נְּסַפֵּר אוֹי ווייי טאטע זיסער ווער קען רעכענען און ווער קען ציילן וואס צוועלעף באדייט:

צוועלעף זענען די שְׁבָטִים עלעוו זענען די שְׁטֶערְן׳ס צען זענען די דִּבְּרוֹת ניין זענען די לֵידָה אַכְט טעג פון בְּרִית מִילָה זיבן טעג פון די וואך זעקס זענען די מִשְׁנָיוֹת פינעף זענען די חֻמָּשִׁים פיר זענען די אִמָהוֹת דְרַיי זענען די אָבוֹת צְווייי זענען די לוּחוֹת איינס איז דער באשעפער דער באשעפער איז איינער און מער איז קיינער.

## מַה נִּדְבַּר וּמַה נְּסַפֵּר אוֹי ווייי טאטע זיסער ווער קען רעכענען און ווער קען ציילן וואס דרייצן באדייט:

דרייצן זענען די מִדּוֹת צוועלעף זענען די שְׁבָטִים עלעוו זענען די שְׁטֶערְן׳ס צען זענען די דִּבְּרוֹת ניין זענען די לֵידָה אַכְט טעג פון בְּרִית מִילָה זיבן טעג פון די וואך זעקס זענען די מִשְׁנָיוֹת פינעף זענען די חֻמָּשִׁים פיר זענען די אִמָהוֹת דְרַיי זענען די אָבוֹת צְווייי זענען די לוּחוֹת איינס איז דער באשעפער דער באשעפער איז איינער און מער איז קיינער.

☆ ☆ ☆

# אַלְמֶעכטִיגֶער גָאט
# נוּן בּוֹיא דֵיין טֶעמְפְּל שִׁירָה

### דִי נִגוּן אִיז גֶענוּמֶען פוּן סִדוּר הַשְׁלָ"ה

**אַלְמֶעכטִיגֶער גָאט, נוּן בּוֹיא דֵיין טֶעמְפְּל שִׁירָה:** אַלְזוֹ שִׁיר, אוּן אַלְזוֹ בַּאלד, אוּן אוּנזְרֶן טַאגְן שִׁירָה, יוֹא שִׁירָה, נוּן בּוֹיא, נוּן בּוֹיא, נוּן בּוֹיא דֵיין טֶעמְפְּל שִׁירָה: **בַּארִים הַארצִיגֶער גָאט, נוּן בּוֹיא דֵיין טֶעמְפְּל שִׁירָה:** אַלְזוֹ שִׁיר, אוּן אַלְזוֹ בַּאלד, אוּן אוּנזְרֶן טַאגְן שִׁירָה, יוֹא שִׁירָה, נוּן בּוֹיא, נוּן בּוֹיא, נוּן בּוֹיא דֵיין טֶעמְפְּל שִׁירָה: **גְרוֹיסֶער גָאט, דֶעמוּטוּגֶער גָאט, נוּן בּוֹיא דֵיין טֶעמְפְּל שִׁירָה:** אַלְזוֹ שִׁיר, אוּן אַלְזוֹ בַּאלד, אוּן אוּנזְרֶן טַאגְן שִׁירָה, יוֹא שִׁירָה, נוּן בּוֹיא, נוּן בּוֹיא, נוּן בּוֹיא דֵיין טֶעמְפְּל שִׁירָה: **הוֹכִיר גָאט, וֶוערדִיגֶער גָאט, זִיסֶער גָאט, כֶּעניגֶער גָאט, נוּן בּוֹיא דֵיין טֶעמְפְּל שִׁירָה:** אַלְזוֹ שִׁיר, אוּן אַלְזוֹ בַּאלד, אוּן אוּנזְרֶן טַאגְן שִׁירָה, יוֹא שִׁירָה, נוּן בּוֹיא, נוּן בּוֹיא, נוּן בּוֹיא דֵיין טֶעמְפְּל שִׁירָה: **טוֹגְלִיכֶער גָאט, יוּדִישֶער גָאט, נוּן בּוֹיא דֵיין טֶעמְפְּל שִׁירָה:** אַלְזוֹ שִׁיר, אוּן אַלְזוֹ בַּאלד, אוּן אוּנזְרֶן טַאגְן שִׁירָה, יוֹא שִׁירָה, נוּן בּוֹיא, נוּן בּוֹיא, נוּן בּוֹיא דֵיין טֶעמְפְּל שִׁירָה: **כְּרֶעפְטִיגֶער גָאט, לֶעבִּידִיגֶער גָאט, מֶעכטִיגֶער גָאט, נָאמְהַאפְטִיגֶער גָאט, סֶענפְטִיגֶער גָאט, עֶבִּיגֶער גָאט, נוּן בּוֹיא דֵיין טֶעמְפְּל שִׁירָה:** אַלְזוֹ שִׁיר, אוּן אַלְזוֹ בַּאלד, אוּן אוּנזְרֶן טַאגְן שִׁירָה, יוֹא שִׁירָה, נוּן בּוֹיא, נוּן בּוֹיא, נוּן בּוֹיא דֵיין טֶעמְפְּל שִׁירָה: **פָּארכצוּמֶער גָאט, צִימְלִיכֶער גאט, קֶענֶעגְלִיכֶער גָאט, רֵייכֶער גָאט, נוּן בּוֹיא דֵיין טֶעמְפְּל שִׁירָה:** אַלְזוֹ שִׁיר, אוּן אַלְזוֹ בַּאלד, אוּן אוּנזְרֶן טַאגְן שִׁירָה, יוֹא שִׁירָה, נוּן בּוֹיא, נוּן בּוֹיא, נוּן בּוֹיא דֵיין טֶעמְפְּל שִׁירָה: **שֵׁיינֶער גָאט, תְּרֵייסֶער גָאט, נוּן בּוֹיא דֵיין טֶעמְפְּל שִׁירָה:** אַלְזוֹ שִׁיר, אוּן אַלְזוֹ בַּאלד, אוּן אוּנזְרֶן טַאגְן שִׁירָה, יוֹא שִׁירָה, נוּן בּוֹיא, נוּן בּוֹיא, נוּן בּוֹיא דֵיין טֶעמְפְּל שִׁירָה: **דוּא בִּיסט גָאט אוּן קֵיינֶער מֶער, נוּן בּוֹיא דֵיין טֶעמְפְּל שִׁירָה:** אַלְזוֹ שִׁיר, אוּן אַלְזוֹ בַּאלד, אוּן אוּנזְרֶן טַאגְן שִׁירָה, יוֹא שִׁירָה, נוּן בּוֹיא, נוּן בּוֹיא, נוּן בּוֹיא דֵיין טֶעמְפְּל שִׁירָה:

# חַד גַּדְיָא



חַד גַּדְיָא חַד גַּדְיָא **אֵיין צִיגֶעלֶע אֵיין צִיגֶעלֶע** וָואס דֶער טַאטֶע הָאט גֶעקוֹיפְט פַאר צְוֵויי זוּז חַד גַּדְיָא חַד גַּדְיָא.



אִיז גֶעקוּמֶען דִי **קַאץ** וָואס הָאט אוֹיפְגֶעגֶעסְן דִי צִיגֶעלֶע וָואס דֶער טַאטֶע הָאט גֶעקוֹיפְט פַאר צְוֵויי זוּז חַד גַּדְיָא חַד גַּדְיָא:



אִיז גֶעקוּמֶען דֶער **הוּנְט** אוּן הָאט גֶעבִּיסְן דִי קַאץ וָואס הָאט אוֹיפְגֶעגֶעסְן דִי צִיגֶעלֶע וָואס דֶער טַאטֶע הָאט גֶעקוֹיפְט פַאר צְוֵויי זוּז חַד גַּדְיָא חַד גַּדְיָא:



אִיז גֶעקוּמֶען דִי **שְׁטֶעקְן** אוּן הָאט גֶעשְׁלָאגֶען דֶעם הוּנְט וָואס הָאט גֶעבִּיסְן דִי קַאץ וָואס הָאט אוֹיפְגֶעגֶעסְן דִי צִיגֶעלֶע וָואס דֶער טַאטֶע הָאט גֶעקוֹיפְט פַאר צְוֵויי זוּז חַד גַּדְיָא חַד גַּדְיָא:



אִיז גֶעקוּמֶען דִי **פֵייעֶר** אוּן הָאט פַארְבְּרֶענְט דֶעם שְׁטֶעקְן וָואס הָאט גֶעשְׁלָאגֶען דֶעם הוּנְט וָואס הָאט גֶעבִּיסְן דִי קַאץ וָואס הָאט אוֹיפְגֶעגֶעסְן דִי צִיגֶעלֶע וָואס דֶער טַאטֶע הָאט גֶעקוֹיפְט פַאר צְוֵויי זוּז חַד גַּדְיָא חַד גַּדְיָא:



אִיז גֶעקוּמֶען דִי **וַואסֶער** אוּן הָאט פַארְלָאשְׁן דִי פֵייעֶר וָואס הָאט פַארְבְּרֶענְט דֶעם שְׁטֶעקְן וָואס הָאט גֶעשְׁלָאגֶען דֶעם הוּנְט וָואס הָאט גֶעבִּיסְן דִי קַאץ וָואס הָאט אוֹיפְגֶעגֶעסְן דִי צִיגֶעלֶע וָואס דֶער טַאטֶע הָאט גֶעקוֹיפְט פַאר צְוֵויי זוּז חַד גַּדְיָא חַד גַּדְיָא:



אִיז גֶעקוּמֶען דֶער **אָקְס** אוּן הָאט אוֹיסְגֶעטְרוּנְקֶען דִי וַואסֶער וָואס הָאט פַארְלָאשְׁן דִי פַייעֶר וָואס הָאט פַארְבְּרֶענְט דֶעם שְׁטֶעקְן וָואס הָאט גֶעשְׁלָאגֶען דֶעם הוּנְט וָואס הָאט גֶעבִּיסְן דִי קַאץ וָואס הָאט אוֹיפְגֶעגֶעסְן דִי צִיגֶעלֶע וָואס דֶער טַאטֶע הָאט גֶעקוֹיפְט פַאר צְוֵויי זוּז חַד גַּדְיָא חַד גַּדְיָא:



אִיז גֶעקוּמֶען דֶער **שׁוֹחֵט** אוּן הָאט גֶע'שָׁחְט'ן דֶעם אָקְס וָואס הָאט אוֹיסְגֶעטְרוּנְקֶען דִי וַואסֶער וָואס הָאט פַארְלָאשְׁן דִי פַייעֶר וָואס הָאט פַארְבְּרֶענְט דֶעם שְׁטֶעקְן וָואס הָאט גֶעשְׁלָאגֶען דֶעם הוּנְט וָואס הָאט גֶעבִּיסְן דִי קַאץ וָואס הָאט אוֹיפְגֶעגֶעסְן דִי צִיגֶעלֶע וָואס דֶער טַאטֶע הָאט גֶעקוֹיפְט פַאר צְוֵויי זוּז חַד גַּדְיָא חַד גַּדְיָא:

אִיז גֶעקוּמֶען דֶער **מַלְאַךְ הַמָּוֶת** אוּן הָאט גֶע'שָׁחְט'ן דֶעם שׁוֹחֵט וָואס הָאט גֶע'שָׁחְט'ן דֶעם אָקְס וָואס הָאט אוֹיסְגֶעטְרוּנְקֶען דִי וַואסֶער וָואס הָאט פַארְלָאשְׁן דִי פַייעֶר וָואס הָאט פַארְבְּרֶענְט דֶעם שְׁטֶעקְן וָואס הָאט גֶעשְׁלָאגֶען דֶעם הוּנְט וָואס הָאט גֶעבִּיסְן דִי קַאץ וָואס הָאט אוֹיפְגֶעגֶעסְן דִי צִיגֶעלֶע וָואס דֶער טַאטֶע הָאט גֶעקוֹיפְט פַאר צְוֵויי זוּז חַד גַּדְיָא חַד גַּדְיָא:




אִיז גֶעקוּמֶען **דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער** אוּן גֶע'שָׁחְט'ן דֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת וָואס הָאט גֶע'שָׁחְט'ן דֶעם שׁוֹחֵט וָואס הָאט גֶע'שָׁחְט'ן דֶעם אָקְס וָואס הָאט אוֹיסְגֶעטְרוּנְקֶען דִי וַואסֶער וָואס הָאט פַארְלָאשְׁן דִי פַייעֶר וָואס הָאט פַארְבְּרֶענְט דֶעם שְׁטֶעקְן וָואס הָאט גֶעשְׁלָאגְן דֶעם הוּנְט וָואס הָאט גֶעבִּיסְן דִי קַאץ וָואס הָאט אוֹיפְגֶעגֶעסְן דִי צִיגֶעלֶע וָואס דֶער טַאטֶע הָאט גֶעקוֹיפְט פַאר צְוֵויי זוּז חַד גַּדְיָא חַד גַּדְיָא:

# ולמען תספר באזני בנך

## געקליבענע מעשיות פון צדיקים
## אויף דעם יו"ט פסח און שביעי של פסח

## געזעהן אליהו הנביא ביים סדר

דער צדיק ר' פסח זצ"ל – דער פאטער פון ר' צבי אלימלך זי"ע (דער "בני יששכר") פלעגט זיך פארדינגען אלץ א מלמד ביי א רייכן מענטש אין א געוויסן דארף. ער פלעגט פארברענגען ביי יענעם א גאנץ ווינטער און פאר פסח איז ער אהיים געפאהרן מיט די געלט וואס ער האט פארדינט ביי יענעם.

דער בעל הבית איז געווען זייער א קארגער מענטש און קיינמאהל נישט געטיילט קיין צדקה מיט א ברייטע האנט. ר' פסח האט נישט געקענט צוקוקן ווי ארימעלייט גייען אוועק פון איהם צובראכן און טרויעריג, האט ער געבעטן זיין בעל הבית אז ער זאל טיילן צדקה אויף זיין חשבון, און ביים ענדע זאל ער אראפרעכענען פון די געלט וואס ער האט אויסגעטיילט פאר צדקה.

פאר'ן יום טוב פסח, ווען ר' פסח האט געוואלט אהיים פאהרן, האט דער בעל הבית אויסגערעכנט וויפיל צדקה ער האט אויסגעטיילט אויף ר' פסח'ס חשבון. עס איז אויסגעקומען אז ר' פסח האט נאך געמוזט צולייגן א סומע געלט, אבער ער האט דאך גארנישט געהאט ביי זיך. האט דער בעל הבית ביי איהם צוגענומען זיין מאנטל און בעקיטשע.

אזוי איז ר' פסח אהיים געפאהרן ליידיג אן קיין פרוטה. ער האט זיך געשעמט אריין צו גיין אין זיין הויז, איז ער אנשטאט דעם געגאנגען אין בית המדרש. דארט האט איהם געטראפן זיין זוהן ר' צבי אלימלך, און ער איז באלד אהיים געלאפן מעלדן פאר די מאמע אז דער טאטע איז שוין אהיים געקומען. זי האט שנעל צוגעגרייט א מאלצייט ווי עס פאסט צו זיין.

באין ברירה איז ר׳ פסח אהיים געגאנגען, און ער באמערקט ווי אויפן וועג פאהרט שנעל אריבער א פערד און וואגן און דער רייטער ווארפט אראפ צו זיי א שווערן זעקל.

ר׳ פסח רופט און ווינקט איהם אז ער זאל זיך אפשטעלן אויף צו נעמען זיין זעקל. אבער יענער פאהרט ווייטער און מאכט זיך נישט וואוסענדיג. ער שרייט העכער און העכער און לויפט איהם נאך, אבער יענער איז געפארן זייער שנעל ביז ער איז אינגאנצן פארשוואונדן געווארן.

ר׳ פסח האט פארשטאנען אז דאס איז נישט קיין פשוטע זאך. ער האט אויפגעמאכט דעם זעקל און געטראפן ליגן פונקטליך וויפיל געלט דער בעל הבית האט איהם געמוזט באצאלן.

דער סדר האט ער שוין אפגעראכטן מיט א ברייטקייט, און ווען מען איז אנגעקומען צו ״שפוך חמתך״ און מען האט געעפענט די טיהר, האט זיך דער קליינער זוהן ר׳ צבי אלימלך אנגערופן: ״קוק נאר, קוק נאר טאטע, אט דא איז דער מענטש וואס האט צוגעווארפן צו אונז דעם זעקל״!!!

## קרבן פסח פאר די צדיקי הדור

אמאל ביים סדר פארן עסן דעם אפיקומן האט דער הייליגער צאנז׳ער רב זי״ע געזאגט ״עס איז באקאנט וואס עס שטייט אין די משנה אז אין בית המקדש האט קיינמאל נישט געטארט זיין ווייניגער ווי זעקס לעמעלעך, כדי אז עס זאל אייביג גרייט זיין דער קרבן תמיד מקריב צו זיין ווען מען וועט דאס דארפן, אבער ווען דער בית המקדש איז חרוב געווען וואו זענען אנגעקומען די אנדערע לעמעלעך?״

״נאר – האט דער הייליגער צאנז׳ער רב געזאגט – נאכן חורבן בית המקדש האט מען גענומען די לעמעלעך אין מדבר און זיי פארמערן זיך דארט, און פון זיי איז אליהו הנביא מקריב יעדן טאג צוויי לעמלעך אלס דער קרבן תמיד״.

דער צאנז'ער רב האט דערביי דערציילט א מעשה אז דער הייליגער ישמח משה זי"ע האט געבעטן פון באשעפער אז ער וויל האבן די זכיה דאס צו זעהן האט מען אים געוויזן פון הימל ווי אזוי מלאך מיכאל איז דער כהן הדיוט און אליהו הנביא דער כהן גדול און זיי זענען מקריב דעם קרבן תמיד.

האט דער הייליגער דברי חיים פון צאנז צוגעלייגט אז די זעלבע זאך אזוי איז אויך אליהו הנביא יעדע יאר פסח מקריב דעם קרבן פסח, און די וואס ציילן זיך אויפן קרבן פסח זענען די צדיקי הדור פאר וועמען אליהו הנביא ברענגט פונעם קרבן און זיי עסן דאס, כאטש מיר זענען נישט אין ארץ ישראל און נישט אין ירושלים, ברענגט דאס אליהו הנביא מיט אן שטיק ערד פון ירושלים פאר די צדיקים.

דער רבי בעל דברי יואל זי"ע האט דערציילט די מעשה און ער האט צוגעלייגט אז ווען דער הייליגער דברי חיים פון צאנז האט דאס געענדיגט דערציילן האט ער אנגעהויבן צו עסן דעם אפיקומן מיט גרויס התעוררות און ברען, אז יעדער ווער עס איז דארט געווען האט זיך געדוכט אז ער זעהט דעם דברי חיים עסן די פלייש פון קרבן פסח.

## גערעטעוועט צוויי מאל די אידן פון א בלוט בילבול

דער הייליגער דגל מחנה אפרים האט דערציילט די פאלגנדע מעשה פון זיין גרויסן זיידן דער בעל שם טוב:

אין מעזיבוש וואו דער הייליגער בעל שם האט געוואוינט איז געווען א גרויסער גביר וואס איז געווען א שטארקער מתנגד צום בעש"ט, ער פלעגט אפלאכן פונעם בעש"ט, און זיין הייליגע חבריא.

אמאל אין א פסח ביינאכט, האט פאסירט א גרויסע אומגליק ביים גביר, עטליכע גוים פון שטאט האבן גענומען א געפייגערטן גוי, און אים אונטערגעווארפן אין הויז פון דעם גביר, כדי צו קענען מאכן אן עלילת דם אז

ער זאל האבן גע'הרג'עט דעם גוי צו נוצן זיין בלוט פאר מצות, די גוים האבן אוועק געשטעלט שומרים ביי דעם הויז פונעם גביר, כדי קיינער זאל נישט קענען אוועקטראגן דעם קערפער פון דעם געפייגערטן גוי, און אזוי וועלן זיי קענען דורכפירן דעם בלוט-בילבול אויפן איד.

ווען די פרוי פונעם גביר איז ארויסגעגאנגען אין הויף און געזעהן די קערפער פונעם גוי, האט זי גע'חלש'ט אויפן פלאץ, ווען מען האט איר קוים דערמונטערט, האט זי דערציילט פאר איר מאן וואס זי האט געזעהן אין חצר, און אז די גוים וועלן זיכער באלד קומען מאכן א פאגראם אויף זיי, זי האט געבעטן איר מאן זאל שנעל אריבער גיין צום בעש"ט. רופט זיך אן דער גביר: "ווי קען איך גיין צום בעש"ט ער ווייסט דאך אז איך בין א גרויסער מתנגד"? זיין ווייב האט אבער נישט אפגעלאזט, מיט די טענה, אז דער בעש"ט איז א צדיק און ער וועט זיכער נישט נקמה נעמען אין דיר, ער וועט דיר זיכער העלפן אין דיין צרה.

בלית ברירה איז ער אריבער צום בעש"ט, און מיט גרויס געוויין דערציילט וועגן די גרויסע סכנה וואס עס הערשט איבער אים, און אויב מען וועט טרעפן דעם געפייגערטן גוי ביי אים אין הויף, איז ער מיט זיין פאמיליע פאראורטיילט צום טויט ר"ל. דערהערנדיג די רייד פונעם גביר, האט דער בעש"ט גערופן זיין אייניקל, דער דגל מחנה אפרים, און אים געגעבן זיין שטעקן, הייסנדיג אים גיין צוזאמען מיטן גביר. און אים געזאגט: נעם מיין שטעקן, און אריינקומענדיג אין הויף פון דעם איד זאלסטו גיין צוזאמען מיטן שטעקן צום קערפער פונעם גוי און דו זאלסט זאגן פאר דעם געפייגערטן גוי, אז איך האב באפוילן אז ער זאל גלייך מיטגיין מיט דיר.

דער דגל מחנה אפרים האט אזוי געטוהן, ער איז געגאנגען מיטן גביר און איז צוגעגאנגען מיטן בעש"ט'ס שטעקן צום גוי, באפוילנדיג אים צו קומען מיט אים צום בעש"ט. דער "פגר" האט זיך באלד אויפגעהויבן ווי א

לעבעדיגער מענטש, און איז געגאנגען מיטן דגל מחנה אפרים צום בעש"ט, און דער בעש"ט האט אוועקגעזעצט דעם גוי אויף זיין הסב בעט.

יענע נאכט זענען די גוים געקומען צום גביר זוכן דעם פגר, און זיך געגרייט דורכצופירן א פאגראם. צו זייער גרויס פארוואונדערונג האבן זיי נישט געפינען קיין פגר, און האבן געמוזט אוועקגיין פון דארט, זענען זיי מיט זייער כעס געגאנגען צום הויז פונעם בעש"ט וועלכער איז אויך געווען באקאנט ביי די גוים אלס א וואונדערליכער מענטש וואס פראוועט גרויסע מופתים, אפשר וועלן זיי געפינען דעם פגר דארטן, דערזעענדיג זיי, האט דער בעל שם טוב גענומען דאס היטל פון זיין אייניקל ר' ברוך'ל מעזיבוש'ער און אוועקגעלייגט אויף דעם קאפ פונעם פגר, זאגנדיג צו אים: "ברים" (ער זאל מאכן מיטן מויל כדי די גוים זאלן מיינען אז ער איז א איד), דער גוי האט זיך גענומען שאקלען אהין און אהער, ווי א "געבוירענער" איד, און זאגן פון די הגדה... נישט דערקענענדיג אים, זענען די רשעים אוועקגעגאנגען פון בעל שם טוב'ס שטוב מיט ליידיגע הענט.

ווען זיי זענען אוועק געגאנגען, האט דער בעש"ט געשיקט רופן דעם גביר און אים באפוילן צו באגראבן דעם גוי אויפן גוי'אישן בית הקברות.

מיט א יאר שפעטער, האט דער גלח פון שטאט וואס האט מיט א יאר פריער אנגעפירט מיטן בילבול אויפן גביר, ווידער געוואלט מאכן אן עלילת דם אויף אידן, איז דער בעש"ט געגאנגען אין דער צייט פון מצות באקן צום גלח און אים געזאגט: פארוואס ווילסטו פארגיסן אומשולדיג אידיש בלוט, האסט דאך געזעהן פאר א יאר, אז דיין שלעכטע עיצה פון מאכן א בילבול אויפן גביר איז דיר נישט געלונגען, איך האב אים לעבעדיג געמאכט אויף א שעה, און ווען דו ביסט געווען זוכן ביי מיר אין שטוב האסטו אים אפילו נישט דערקענט.

אזוי האט דער הייליגער בעש"ט געראטעוועט צוויי מאל די שטאט מעזיבוש פון א בלוט בילבול.

# דער באהאלטענער "איד" האט געראטעוועט

אין א וואלד נעבן אן אידישע שטאט האט מען געטראפן א קריסטליך מיידל גע'הרג'געט, וויבאלד די מעשה איז באוואוסט געווארן האבן די גוים געזאגט אז די אידן האבן גע'הרג'עט דאס מיידל, עס איז דאך פאר פסח און די אידן דארפן בלוט אויף פסח.

דער וואלד האט געהערט פאר איינעם א איד מיטן נאמען ר' שמואל וואס האט דאס געדינגען פון פריץ כדי אפצושניידן דיביימער, דאס קריסטליך מיידל איז געווען איינע פון די גוי'אישע וואלד ארבעטערס, זי פלעגט ברענגען יעדן טאג עסן פאר איר פאטער, אויך אין יענעם טאג איז זי געגאנגען ברענגען עסן, אבער זי איז נישט אהיים געקומען, קיין סאך האט נישט גענומען, און עס איז שוין געווען עדות וואס האט דערציילט אז ער האט געהערט די קולות פון וואלד, און ווען ער איז אריין אין וואלד האט ער געזעהן דעם ר' שמואל אנטלויפן מיט א בלוטיגן מעסער, און א טאפ אין די האנט, וועגן די עדות האט מען שוין איינגעשפארט ר' שמואל מיט די אנדערע ראשי הקהילה, דער פריץ און דער גלח פון שטאט האבן פארלאנגט א שטרענגן געריכט.

די אידן פון יענע שטאט האבן געשיקט שליחים צום הייליגן בארדיטשוב'ער אז ער זאל מתפלל זיין אז מען זאל ניצול ווערן פון די ביטערע צרה, דער בארדיטשוב'ער האט זיי געזאגט אז זיי זאלן תשובה טאן און מתפלל זיין און דער באשעפער וועט אוודאי העלפן.

אין א טאג קומט אן צום הויז פון בארדיטשוב'ער א מענטש ער זעהט אויס ווי א רוסישער פויער, און ער בעט אז ער וויל אריינגיין צום רבי'ן, אזוי ווי ער האט גערעדט ווי א גוי און אויסגעזעהן ווי א גוי האט אים דער גבאי נישט אריינגעלאזט, רופט זיך אן דער מענטש מיט א צובראכענע אידיש: "ווען נישט וואס דער רבי האט מיר געשיקט רופן וואלט איך נישט געקומען",

הערנדיג אזעלכע ווערטער האט מען אים גלייך אריינגעלאזט, יעדער איז געווען אינטערעסירט וואס דער פויער טוט ביים רבי'ן, ביז מען האט אויסגעפינען אז ער איז אן איד וואס האט געוואוינט צווישן גוים יארן לאנג ביז ער האט זיך באפריינדעט מיט די גוים, און האט זיך אנגעהויבן צו פירן ווי א גוי מיט זיין רעדן און מיט זיינע קליידער, מען האט נישט דערקענט אז ער איז אן איד אבער א פונק פון אידישקייט איז אים נאך געבליבן.

דער בארדיטשוב'ער האט געוואוסט פון אים, ער האט געשיקט א שליח אז ער וויל מיט אים רעדן, דער בארדיטשוב'ער – טראכטנדיג אז ער וועט נישט וועלן הערן קיין מוסר און ער וועט נישט וועלן קומען, האט ער געזאגט פארן שליח זאל אים זאגן אז ער וועט אים נישט זאגן קיין ווארט מוסר.

און יעצט איז ער אנגעקומען, דער רבי האט אים דערציילט וואספארא בילבול די גוים האבן אויסגעטראכט, און אים געזאגט: "דו קענסט ארויסהעלפן, און דו ביסט מחוייב צו העלפן", "ווי אזוי"? פרעגט דער מענטש, זאגט אים דער רבי: "אזוי ווי דו זעסט דאך אויס ווי א גוי, זאלסטו פארן צו די דאזיגע שטאט און געוואויר ווערן פרטים פון דעם מארד".

דער באהאלטענער איד האט אנגענומען די ארבעט, ער איז געפאהרן אין יענע שטאט אליך א סוחר, ער איז אריינגעקומען אין די קרעטשמעס געטרינקען און געשמועס'ט ווי די גוים, ער האט זיך דערוואוסט ווער איז דער עדות, און ווער זענען די וואס שטייען אונטער דעם בילבול, דער באהאלטענער איד –דער סוחר– האט זיך באפריינדעט מיט דעם עדות, און ער האט אים מיטגענומען אין א רעסטאראנט זיי האבן געגעסן און געטרינקען, דער באהאלטענער איד האט געקויפט נאך און נאך בראנפן ביז ער האט געזעהן אז דער עדות איז שוין גוט אנגעטרינקען, דעמאלטס האט אים דער באהאלטענער איד געזאגט: "דו ווייסט אז איך האב פיינט די אידן איך וואלט אפילו גע'הרג'עט א גוי, און ארויף געלייגט דעם שולד אויף די אידן", "דאס האב איך געטוהן"! שרייט אויס דער עדות, דער באהאלטענער

איד פרעגט אים: "ווי אזוי טוט מען דאס?, פאר מיר מעגסטו אלעס דערציילן", זאגט דער שיכור'ער עדות: "איך האב זיך צושלאגן מיט דאס גוי'איש מיידל און איך האב איר צושטאכן צום טויט, איך האב געהאט שטארקע חרטה געפילן, ביז איך בין זיך געגאנגען מתוודה זיין ביים גלח, האט מיר דער גלח געזאגט אז נאר מיט דעם קענסטו האבן א כפרה אויב דו וועסט זאגן עדות אז דו האסט אליין געזעהן ווי שמואל האט גע'הרג'עט דאס קריסטליכע קינד, דער גלח האט גערופן דעם פריץ און צוזאמען האבן זיי אויסגעארבעט א גוטן פלאן.

יעצט האט זיך דער באהאלטענער איד גענומען צום עדות און אים געזאגט מיט שטרענגע רייד: "דו גייסט נעמען אויף זיך צו פארגיסן ריין בלוט? דו ווילסט נעמען אויף דיר אזא זאך מען זאל צוליב דיר הרג'ענען אומשולדיגע מענטשן? עס איז דיר נישט גענוג אז דו האסט שוין גע'הרג'עט איינעם, גייסטו נאך מענטשן הרג'ענען?" "אבער וואס זאל איך יעצט טאן"? פרעגט דער עדות, זאגט אים דער באהאלטענער איד, "ווען עס וועט זיין דער משפט און מען וועט דיר הייסן זאגן עדות, זאלסטו זאגן אז דו האסט בכלל נישט געזעהן ווי ר' שמואל האט גע'הרג'עט נאר דער גלח מיטן פריץ האבן געהייסן זאגן דעם ליגנט, אויב דו וועסט נישט אזוי זאגן וועל איך זאגן וואס איך האב געהערט פון דיר אז דו האסט אליין גע'הרג'עט.

און אזוי איז טאקע געווען, ווען דער משפט איז געווען האט דער עדות דערציילט אז ער האט קיינמאל נישט געזעהן ווי ר' שמואל האט גע'הרג'עט נאר דער גלח און דער פריץ האבן אים געהייסן אזוי זאגן, פארשטענדליך אז די ריכטערס האבן גלייך באפרייט די אידן.

די זכות פון די גרויסע מצווה וואס דער "באהאלטענער איד" האט געטוהן וואס ער האט מציל געווען נפשות, האט אים גורם געווען א הרהור תשובה און ער איז געווארן א ריכטיגער בעל תשובה.

# פיל אן אונטער יעדע נומער די ריכטיגע אות וויפל עס באטרעפט:

1

____

50 200 300 20

________________

50 20 10 30 10 10 200 80

____________________________

8 60 80

____________

וואונטשט:
**ישראל יאקאב**
**המלמד**